אידישע קלאסיקער-ביבליאטעק
פאר שול און פאלק

# יהודה שטיינבערג

## דערציילונגען

ארויסגעגעבן פון פאלק שולן ארגאניזאציע
פון אידיש-נאציאנאלען ארבייטער פארבאנד.

D03125788Y
Duke University Libraries

# אידישע קלאסיקער־ביבליאטעק

## פאר שול און פאלק

ארויסגעגעבן פון דער

## פאלק שול ארגאניזאציע

פון

## אידיש-נאציאנאלן ארבעטער פארבאנד

## יהודה שטיינבערג

צוזאמענגעשטעלט, רעדאגירט און דערקלערט

פון

ש. שאפירא


ניו יארק, 1926

פארלאג „פאלק-שול"

228 East Broadway, New York

Copyright, 1926
Jewish National Workers' Alliance
New York

ASTORIA PRESS
61 E. 4th St.
New York

# דערקלערונג פון שול־קאָמיטעט

מיט אַט דעם ביכל הויבט די „פאָלק־שול אָרגאַניזאַציע פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד" אָן אַרויסגעבן אַ ביבליאָטעק פון די אידישע קלאַסיקער, וואָס זאָל דינען פאַר די העכערע קלאַסן אין די פאָלק־שולן און פאַר כמעט אַלע קלאַסן אין די מיטל־שולן אַלס לייען־מאַטעריאַל פאַר אַן אַריינפיר אין און שטודיום פון דער אידישער ליטעראַטור.

אַ צווייטע אויפגאַבע ווילן מיר מיט דער ביבליאָטעק דערפילן, וועלכע איז אפשר וויכטיקער און פון גרעסערער באַדייטונג פון דער ערשטער: מיר ווילן מיט דער אויסגאַבע דערגענצן די דערציאונג, וואָס אונזערע שולן גיבן און מיט איר פאַריכטן אַ געוויסן חסרון, וואָס האָט גורם געווען, אַז דער ציל פון אונזערע שולן זאָל ניט אינגאַנצן דערגרייכט ווערן.

איינער פון די הויפט צילן פון אונזערע שולן איז, און דאַרף זיין, צובינדן דאָס קינד צום אידישן ספר, מאַכן אים פאַר אַ לייענער פון דער אידישער און העברייאישער ליטעראַטור. אין די אַלע יאָרן פון אונזער שול־טעטיקייט האָט זיך דאָס ווייט ניט איינגעגעבן. מיר שרייבן צו דעם פאַקט צו דעם, וואָס מיר האָבן ניט צוגעוואוינט אונזערע קינדער צו לייענען פאַר זיך, הויפטזעכלאך איבער מאַנגל אין צוגענגלאַכן מאַטעריאַל. דער הויפט לייען־מאַטעריאַל פון דער אידישער ליטעראַטור אין די שולן איז נאָך אַלץ די כרעסטאָמאַטיע. די כרעסטאָמאטיע איז אָבער אַ טעקסט־בוך, און כאָטש די קינדער לייענען מאַנכע זאַכן פון דער כרעסטאָמאַטיע אין דער היים, טוען זיי דאָס הויפטזעכלאַך אַלס צוגרייטונג צו דער שול־לעקציע און ניט כדי צו באַפרידיקן זייער נאַטירלאַכן דורשט צו לייענען. און ווען די תקופה פון דער כרעסטאָמאַטיע איז פאַרענדיקט, האָבן די קינדער נאָך ניט דערוואָרבן די געוואוינהייט צו לייענען אידיש ניט ווי א למוד, נאָר ווי אַן עסטעטישן גענוס, ווי אַ גייסטיקע באַפרידיקונג. אויך זייגען זייערע ידיעות אין אידיש און זייער באַקאַנטשאַפט מיטן אידישן לעבן, וואָס די ליטעראַטור שילדערט, צו באַשרענקט, זיי זאָלן קאָנען לייענען די אידשע קלאַסיקער מיט הנאָה. דער פועל יוצא איז, אַז נאָך יאָרן פון אַרבעט צו דערציען אידישע

קינדער, וואָס איינער פון די סמנים פון זייער אידישקייט זאָל זיין אַ צוגעבונדנקייט צום געדרוקטן אידישן וואָרט, איז דער ציל נישט דערגרייכט.

אַט די ביבליאָטעק פון האַנטיקע, נישט צו־גרויסע, ביכלאַך, וועלכע וועלן אַנטהאַלטן די אינטערעסאַנטסטע און כאַראַקטעריסטישסטע זאַכן פון יעדן פון די אידישע קלאַסיקער, געדרוקט אין קלאָרן שריפט, מיט דערקלערונגען און אָפּטייטשונגען פון ווערטער, אויסדרוקן און קולטור באַגריפן, וועלן, האָפן מיר, זיין אַ ווירקזאַמער מיטל אין די הענט פון לערער און עלטערן פאַר דעם צוועק פון צוגעוואוינען דעם יונגן אידישן דור צו לייענען די אידישע ליטעראַטור, פאַראינטערעסירן אים און אויך מעגלאַך מאַכן, פאַר אים צו לייענען פאַר זיך אַלע שאַפער און שאַפונגען פון דער אידישער ליטעראטור מיט הנאה, מיט גייסטיקן גענוס.

די ביבליאָטעק וועט באַשטיין פון אַרום צוואַנציק ביכלאַך און אַרומנעמען אַלע באַדייטנדיקע אידישע שרייבער. די קומענדיקע צוויי־דריי ביכלאַך וועלן זיין אַן אַנטאָלאָגיע פון דער אידישער פּאָעזיע אונטערן נאָמען „די אידישע פּאָעטן“, צוזאַמענגעשטעלט און דערקלערט פון חבר י. ענטין.

מיר האָפן, אַז אונזערע שולן בפרט, די אַנדערע אידישע שולן און די אידישע עפנטלאַכקייט בכלל, וועלן טיילן אונזער מיינונג וועגן דעם נוצן פון דער ביבליאָטעק, וואָס מיר זוכן מיט איר צו ברענגען דער אידישער דערציאונג אין אַמעריקאַ.

צענטראַלער שול־קאָמיטעט,
פון דער
פּאָלק־שול אָרג. פון א. נ. אַ. ס



יהודה שטיינבערג

# יהודה שטיינבערג

(וועגן זיין לעבן און שאפן).

יהודה שטיינבערג׳ס לעבן און שאפן דערקלערן און מאכן פארשטענדלאך איינס דאס אנדערע נאָר צום טייל.

זיין לעבן דערקלערט דעם מקור פון די טעמען, פון דעם מאטעריאל, וועלכן שטיינבערג האָט גענוצט פאר זיינע שאַפונגן. זיינע נאטור-שילדערונגן, זיינע דערציילונגן פון חסידישן לעבן, זיינע קינדער-מעשיות זיינען א רעזולטאט פון זיין לעבן אין דער אומגעבונג פון דער שיינער בעסאראביער נאטור, פון זיין דערצויגן ווערן אין א חסידיש הויז, פון זיין אָפּגעבן זיך מיט לערעריי דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן.

דער טאָן און סטיל פון זיין שרייבן אָבער זיינען א קאָנטראסט צו זיין לעבן. זיין טאָן און סטיל זיינען ווייך, צארט, פול מיט ליבע און לייכטן הומאָר, בעת זיין לעבן איז צום גרעסטן טייל געווען פונקט דער היפּוך.

געבאָרן געוואָרן איז שטיינבערג אין יאָר 1863 אין דעם קליינעם שטעטל ליפקאני אין בעסאראביע. זיין פאָטער איז געווען א חסיד, א שטרענג פרומער מענטש, און אים, נאטירלאך, געגעבן א טראדיציאָנעלע אידישע דערציאונג. אָבער ניט שטענדיק איז שטיינבערג געווען אין חדר. צוזאמען מיטן חדר האָט א גרויסן אָרט אין זיין קינדהייט פארנומען דער טייך פּרוט, לעבן וועלכן עס האָט זיך געפונען זיינע עלטערנס הויז, און די שיינע בערג, וואָס האָבן זיך געפונען לעבן טייך.

דאָ, ביים טייך, וואָס שניידט דורך די בעסאראבישע און רומענישע בערג, האָט שטיינבערג דערצויגן זיינע אויערן צו פארנעמען די מוזיק פונם ריטמישן פליסן פון די כוואליעס און זיינע אויגן אויפצונעמען פיינע קאָליר-שאטירונגן פון דעם וואסער און דעם הימל, וואָס האָט זיך געשפיגלט אין אים. נאָכקוקנדיק דעם פלוס פון טייך, איז אין אים אויך געבאָרן גע-

וואָרן די בענקשאַפט נאָך דער ווייטער אומבאַקאַנטער וועלט, וואוהין די כוואַליעס טראָגן זיך אַוועק. און ווען ער האָט אין זיין בענקשאַפט אויפגעהויבן זיינע אויגן, האָט ער איינגעזאַפּט די פּראַכט פון די בערג, וואָס האָבן פאַרשטעלט פון אים אַ וועלט, וואָס האָט געריצט מיט איר אומבאַקאַנטקייט.

אָט די שטימונג און בענקשאַפט האָבן אודאי אָפּט שווער געמאַכט פאַר אים דאָס טרוקענע גמרא-לערנען, און ער האָט געזוכט צו שטילן זיין בענקשאַפט מיט די שיינקייטן פון דער אגדה און די חסידישע וואונדער-מעשיות.

דער חדר און תורה-לערנען, די בעסאַראַבישע נאַטור מיט אירע בערג, פעלדער און טייכן, דאָס פּאַטריאַרכאַלישע הויז און די רייכע אוצרות פון דער תלמוד'ישער און חסידישער לע-גענדע זיינען געווען די קוואַלן, פון וועלכע שטיינבערג האָט גע-טרונקען, געוועבט זיינע יוגנט-חלומות און געשעפּט דעם מאַ-טעריאַל און די באַגייסטערונג פאַר זיינע שפּעטערדיקע ליטע-ראַרישע שאַפונגען.

שפּעטער האָט זיך פאַר שטיינבערגן געעפנט אויך אַן אַנ-דער רייכער קוואַל, דער קוואַל פון השכלה, פון פרייער וועלט-לאַכער בילדונג. כאָטש אין דער צייט פון זיין באַקאַנען זיך מיט דער השכלה איז ער שוין געווען אַ פאַרהייראַטער מאַן, איז ער אָבער פונדעסטוועגן נאָך געווען זייער יונג. און מיט דעם דורשט פון איינעם, וואָס האָט לאַנג געוואַנדערט אין אַ טרוקענער מדבר, האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דעם השכלה-קוואַל און געטרונקען פון אים מיט זיין כאַראַקטערים-טישער התמדה. ער האָט דאַן אָנגעהויבן קוקן מיט די קריטי-שע השכלה-אויגן אויף זיין אייגן לעבן און דעם לעבן פון זיין סביבה. ער האָט אָבער אויסגעמיטן דעם געוויינלאַכן קאָנ-פליקט מיט זיין אַרומיקער חסידישער סביבה, דורך דעם וואָס ער האָט זיך דאַן באַזעצט אין אַ דאָרף און מיט דעם נדן, וואָס זיין ווייב האָט אים געבראַכט, האָט ער געעפנט אַ קראָם. דאָס האָט אים געגעבן אַ מעגלאַכקייט צו זיין זעלבסט-שטענדיק און לעבן לויט זיין באַגער.

לאַנג, אָבער, איז ער קיין קרעמער ניט געבליבן. די קראָם האָט גאַנץ שנעל אויפגעגעסן דעם נדן, און שטיינבערג איז געוואָרן אויס קרעמער. נאָר די קורצע צייט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דאָרף, פירנדיק אַ רואיקן זעלבסטשטענדיקן לעבן אין אַ נאַטור-רייכער סביבה, האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף זיין אַנטוויקלונג. ער האָט דורך דער צייט מיט גרויס התמדה געלערנט מאַטעמאַטיק און נאַטור-וויסנשאַפט, און דאָס צוזאַמען מיט דעם רואיקן דאָרפס-לעבן האָבן אָנגעהויבן וועקן דעם קינסטלער אין אים און רופן אים צו שאַפונג.

נאָך דעם דורכפאַל מיט דער קראָם האָט ער זיך אומגעקערט אין זיין געבורטס-שטעטל אָרעם אין געלט, אָבער פול מיט נייע חלומות און רעגונגען. אַ דאַנק אָבער אָט דאָס נייע אין אים האָט ער זיך מער ניט געקאָנט צופּאַסן צו דעם פריערדיקן לעבן און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַקאַנטער קאַמף, פון יענער צייט, צווישן פאָטער און זון. שטיינבערג האָט זיך נאָך זיין צוריקער קיין ליפּקאַני אָפּגעגעבן מיט לערעריי, איז דער פאָטער אַרומגעגאַנגען צווישן די עלטערן פון די תלמידים און זיי געוואָרנט ניט צו לאָזן זייערע קינדער דערצויגן ווערן פון אַ משכיל, אַן אַפּיקורס. געוויס איז דער פאָטער מיט זיינע רדיפות אויסן געווען זיין קינד, דעם איידעלן יונגן מאַן, מחזיר למוטב זיין, אומקערן אים צו דעם חסידיש-פרומען לעבן. דער סוף אָבער איז געווען, אַז אין 1889 האָט שטיינבערג געמוזט פאַרלאָזן זיין געבורטס-שטאָט, ווערנדיק אַ לערער אין דעם שטעטל יעדיניץ, אויך אין בעסאַראַביע.

אומגעפער אין אָט דער צייט האָט ער אָנגעהויבן שרייבן און געקוקט אויף זיין ליטעראַרישער אַרבעט, ווי אויף אַן אויסלייזער, וואָס וועט אים מיט דער צייט באַפרייען פון לערעריי און אַרויספירן אין דער גרויסער ברייטער וועלט, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט.

אָבער אַ לאַנגע צייט האָט ער געשריבן לידער און משלים אין אידיש און העברעאיש אָן דערפאָלג. מען האָט זיי אין

ערגעץ ניט געוואָלט דרוקן. נאָר איידער די אנטווישונג האָט באוויזן צו באפעסטיקן זיך און אונטערגראָבן זיינע שאפונגס-כחות, האָט דער פארלאג „תושיה“ אָנגענומען און ארויסגע-געבן זיין בוך „בעיר ויער“—„אין שטאָט און אין דאָרף“,— וואָס האָט מאָמענטאל געמאכט א געוואלטיקן איינדרוק. פּרץ, לעווינסקי און אנדערע אידישע און העברייאישע שרייבער האָבן אין זייערע קריטיקן דאָס ווערק אויפגענומען מיט בא-גייסטערונג.

אָט דער ערשטער דערפאָלג האָט אויפגעעפנט דעם פאר-האלטענעם שטראָם פון שטיינבערגס טאלאנט און כאָטש ער איז שוין דאן געווען קראנק, האָט ער אָנגעהויבן שרייבן א סך און פון א פארשידנארטיקן כאראקטער.

א קורצע צייט נאָך דער דערשיינונג פון „בעיר ויער“ איז דערשינען זיין ערשט בוך קינדער-מעשיות אונטערן נאָמען „שיחות ילדים“—„קינדער שמועסן“.

אין יאָר 1897 ווערט שטיינבערג ארויסגערופן קיין ליאַווע אלס לערער. זיין מאטעריעלע לאגע ווערט דאָ פיל בעסער. ער געפינט מער פרייע צייט, און קראנקערהייט, ליידנדיק פון א מאָגנקראנקהייט, גיט ער אָפּ זייער פיל צייט און ענערגי זיין ליטערארישן שאפן. ער שרייבט און פארעפנטלאכט צענדליקער דערציילונגען, קינדער-מעשיות, לעגענדן און שפּע-טער אויך טעקסט-ביכער און כרעסטאָמאטיעס פאר דער העב-רייאישער שול. אָבער אָט די אלע ליטערארישע ארבעטן גיבן אים ניט די מאטעריעלע מעגלאכקייט אויפצוגעבן לערעריי און זיך אָפּגעבן בלויז מיט ליטעראטור. זיין באגער און האָפנונג זיך ארויסצורייסן פון קליינעם שטעטל, וואו ער האָט פאר-בראכט אלע יאָרן, און ווידמען זיך אינגאנצן דער ליטעראטור, איז נישט פארווירקלאכט געוואָרן ביזן יאָר 1905, ווען ער איז געוואָרן דער קאָרעספּאָנדענט פון דער ניו יאָרקער „וואר-הייט“ און זיך באזעצט אין אדעס. זיין קראנקהייט איז שוין אָבער דאן געווען שטארק אנטוויקלט און אין צוויי יאָר שפּע-טער, אין ווינטער פון יאָר 1907 (ז׳ אדר תרס״ח) איז ער

געשטאָרבן פון אַ קאַנסער איידער ער האָט דערגרייכט דעם עלטער פון פיר און פערציק יאָר.

אָט אַזוי האָט געלעבט און איז געשטאָרבן יהודה שטיינבערג, וועלכער האָט געהאָלפן שאַפן די נייע העברייאישע און די אידישע ליטעראַטור.

שטיינבערג האָט געשריבן אויף אונזערעביידע שפּראַכן און האָט בייגעטראָגן עפּעס אייגנס צו יעדן פון די צוויי שטראָמען, אין וועלכע עס דריקט זיך אויס דער אידישער שאַפונגס-גייסט.

העברייאיש איז געווען די שפּראַך, אין וועלכער שטיינבערג האָט אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישן שאַפן און זיין גרעסטן בייטראָג האָט ער געגעבן דער העברייאישער ליטעראַטור. ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, ווען די נייע העברייאישע ליטעראַטור איז נאָך געווען זייער יונג, מליצה׳דיק און משכּליש-טענדענציעז. דער אינגערער דור העברייאישע דיכטער, וואָס האָט אריינגעטראָגן אין דער העברייאישער ליטעראַטור דעם נייעם, ריין-קינסטלערישן טאָן און שילדערונג פון אידישן לעבן אין אַ רעאַלער, לעבעדיקער שפּראַך, האָט דאַן ערשט אָנגעהויבן זיך באַווייזן. שטיינבערג איז געווען איינער פון זיי, זיכער דער חשוב׳סטער און אָנגעזעענסטער, און ביז היינט איז ער אין דער העברייאישער ליטעראַטור געבליבן דער קלאַסיקער פון דער קורצער דערציילונג. זיינע שאַפונגן אויף דעם געביט צייכנען זיך אויס מיט זייער קלאָרער, זאַפטיקער שפּראַך, מיט דעם צאַרטן לירישן סטיל און, וואָס איז אַם וויכטיקסטן, מיט זייער אינהאַלט און כאַראַקטער שילדערונג.

די הויפּט און כאַראַקטעריסטישסטע טעמע פון יהודה שטיינבערג׳ס דערציילונגן איז דאָס אידישע פאַמיליען-לעבן. אין די דאָזיקע שילדערונגן איז זיין אויג באַזונדערס אָפן אויפצוכאַפּן די שיינע אידישע מדות : צניעות, תמימות, רחמנות. די נשמה יתירה, דאָס שענערע און בעסערע, דאָס יום-טובדיקע אין דעם מענטשן אינטערעסירט אים אַם שטאַרקסטן, דאָס באַמערקט ער אַם מייסטן.

זיינע דערציילונגן זיינען אָבער ניט קיין דרשות, ער פּרע-

דינגט ניט קיין מאָראַל. ניט דאָס איז אים וויכטיק. וויכטיק איז אים דער מענטש. יעדער העלד פון זיינע דערציילונגען איז אַ כאַראַקטער מיט בלוט און פליייש. אים אינטערעסירט אין מענטשן ניט בלויז זיינע מעשים און די אויסערלעכע אור-זאַכן, נאָר אויך די אינערלעכע, דאָס טיפערע, דאָס נשמה׳דיקע. ער פאַרזעט אויך ניט די שלעכטע זייטן פון מענטשן. ביידע ווערן איינס — דאָס לעבן, דער מענטש מיט זיינע מאָמענטן פון טהרה און מאָמענטן פון טומאה.

שטיינבערג האָט זיינע פּאַרשוינען ליב. זייערע שוואַכע זייטן פאַרלאַכט ער ניט, נאָר איז זיך מצער איבער זיי. זיין צאַרט לירישער טאָן באַקומט אַ באַגלייט-מאָטיוו פון לייכטער, קלוגער סאַטירע, ווען ער שטויסט זיך אָן אויף התנהגותן פון זיינע העלדן, וואָס געפעלן אים ניט, ווען זייערע מעשים שטעלן אין שאָטן די שיינע מדות, וואָס ער זוכט און פאָדערט אין מענטשן.

די צווייטע טעמע אין זיין העברייאישן שאַפן איז — חסידות. זיינע חסידישע דערציילונגען זיינען קלאַסיש. צוזאַמען מיט פּרץ׳ן און בערדיטשעווסקין האָט ער פאַראייביגט דעם חסידיזם אין דער ליטעראַטור. ער אונטערשיידט זיך אָבער פון פּרץ׳ן און בערדיטשעווסקין מיט דעם, וואָס אים האָט מיטגעריסן ניט דער חסידיזם, נאָר דאָס חסידישע לעבן, דער חסיד. זיינע חסידישע העלדן זיינען ניט קיין אויסגעטראַכטע פּאַרשוינען, וואָס ריידן חסידיש, וואָס דערציילן חסידישע מעשיות, נאָר מענטשן, וועמעס לעבן דריקט זיך אויס אין דער פאָרם און סביבה, וואָס דער חסידיזם האָט געשאַפן. אין שפּראַך, סטיל און כאַראַקטער-שילדערונג שטייען זיינע חסידישע מעשיות נאָך העכער פון זיינע אַנדערע דערציילונגען.

אייגנאַרטיק איז אויך שטיינבערגס שילדערונג פון דער נאַטור און דער אופן, ווי ער ברענגט זי אַריין אין אידישן לעבן. שטיינבערג האָט אין העברייאיש אַ בוך „בעיר וביער" („אין שטאָט און דאָרף") געווידמעט אויסשליסלאַך צו נאַטור-שילדערונגען. נאָר שטיינבערג האָט זיך ניט באַנוגנט מיט שיל-

דערן די נאַטור, וועלכע ער האָט אזוי ליב געהאַט. ער האָט אויך געזוכט ארויסצוברייננגן די באַציאונג צו דער נאַטור מצד זיינען פּאַרשוינען. אַז ער געפינט אַזאַ באַציאונג ביי זיינע העלדן און שילדערט זי מיט ליבע. אמת, אָט די באַציאונג איז ניט דירעקט צו דער נאַטור. דאָס פרייט זיך דער איד ניט מיט פרילינג, נאָר מיט פּסח, איז אומעטיק ניט איבערן אַנקומען פון הערבסט, נאָר ווייל מיט די הושענות ענדיקן זיך די ימים טובים, וואָס האָבן אריינגעבראַכט א ביסל פרייד און הייליקייט אין לעבן. שטיינבערג ברענגט אָבער ארויס די ווירקונג פון פרי-לינג און הערבסט אויפ׳ן אידענס געמיט, צי ער ווייסט עס צי ניט.

אָבער דער גרעסטער פאַרדינסט שטיינבערג׳ס אין דער העברייאישער ליטעראַטור זיינען זיינע קינדער-מעשיות. אויף דעם געביט פון קינדער ליטעראַטור איז ער געווען דער ערשטער און האָט נאָך ביז היינט, קנאַפּע צוואַנציק יאָר נאָך זיין טויט, צו זיך קיין גלייכן ניט.

אין דער אידישער, ווי אין דער העברייאישער ליטעראַטור, זיינען פאַר שטיינבערגן און נאָך אים געווען שרייבער, וואָס האָבן געשריבן וועגן און פון דעם לעבן פון אידישן קינד, אָבער שאַפן פאַר אידישע קינדער איז שטיינבערג געווען דער ער-שטער און אין באַדייטונג און פאַרנעם נאָך ביז איצט דער איינציקער.

זיינע קינדער-מעשיות צייכנען זיך אויס מיט דעם, וואָס זיי זיינען לויט די מאָטיוון—אַל-מענשלאַך, לויטן אינהאַלט—אידיש און אין פאָרם—לייכט און שפּאַנענדיק. דער פּראָדוקט פון א רייכער פאַנטאַזיע און א צאַרטער ליבע צו קינדער. די אַלע וויכטיקסטע יסודות פון גוטער קינדער-ליטעראַטור. דעריבער טאַקע זיינען זיינע קינדער-מעשיות היינט-צו-טאָג אזוי ניי און פריש, שפּאַנענדיק אינטערעסאַנט, ווי מיט העכער צוואַנציק יאָר צוריק ווען זיי האָבן זיך אָנגעהויבן דרוקן אין „עולם קטן“.

פיר שיינע בענדלאַך פון אָט-די קינדער-מעשיות זיינען א טייל, א זייער רייכער און שיינער טייל, פון שטיינבערגס העב-

רייאישע שאַפונגן, וואָס זיינען דערשינען אין יאָר תרע"ט אין פיר גרויסע און פיר קליינע בענד.

אין אידיש האָט שטיינבערג אָנגעהויבן שרייבן שפּעטער און אויך אין סך-הכל געשריבן ווייניקער. דאָך וואָלטן זיינע אידישע כתבים אָנגעפילט ארום דריי שיינע בענדער. אָבער אַט דאָס ביסל איז פאַרלויפיק די ערשטע זאמלונג פון שטיינבערגס אָריגינעל אידישע שאַפונגן. ס'זיינען ביז איצט דערשינען אין אידיש א היבש ביסל איבערזעצונגן פון שטיינבערגס העברייאישע כתבים, אָבער גאָר ניט פון זיין אָריגינעל-אידישן שאַפן. ס'וועט אָבער זיין א טעות צו מיינען, אז דאָס איז דערפאַר, וואָס די אידישע שאַפונגן שטיינבערגס שטייען אויף א ניד-ריקערער מדרגה, פאַרדינען ניט צו פאַרנעמען אזא בכבוד'יקן אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור, ווי זיינע העברייאישע שאַ-פונגן פאַרנעמען אין דער העברייאישער. פון אַט דער קליינער זאמלונג אליין איז לייכט צו זען, אז זיינע אידישע שאַפונגן צייכנען זיך אויס כמעט מיט אלע יענע אייגנשאַפטן, וואָס מיר האָבן אָנגעוויזן אלס די כאַראַקטעריסטיק פון שטיינבערג דעם העברייאישן דיכטער, מיט דעם איינציקן אונטערשיד, וואָס זיין אידיש איז ניט אזוי פאַלירט און פאַרבן-רייך ווי זיין העב-רייאיש.

די אידישע, אזוי גוט ווי די העברייאישע שריפטן שטיינבערגס זיינען די פרוכט פון א גרויסן טאַלאַנט, וואָס האָט איינגעזאַפּט אין זיך די שיינקייט פון דער נאַטור, די רייכקייט פון דער אידישער קולטור, אידישע לומדות; פון א מענטש מיט א פיין אויג צו באַאָבאַכטן און א טיפע, רייכע נשמה, אין וועלכער עס האָט זיך געלייטערט דאָס, וואָס דאָס אויג האָט אויפגענו-מען. און כאָטש דאָס לעבן, וואָס ער האָט געשילדערט, די טענ-דענצן, וועלכע ער האָט פאַרטראַכטן—סיי וואָס איז שייך ליטע-ראַרישער פאָרם, סיי וועלט-אַנשויאונג—זיינען שוין ווייט פון אונז, וועט זיין שאַפן, אין אידיש ווי אין העברייאיש, דאָך לאַנג געלייענט ווערן מיט הנאה און באַגייסטערונג, איבער זייער איינגאַרטיקייט, זייער קינסטלערישער עכטקייט.

**ש. שאַפּירא.**

# דער גאָלדענער

(אַ מעשה, האַלב אמת, האַלב אויסגעטראַכט, וואָס איז זיך פֿאָרלאָפֿן אין אַ שטעטל אָן אַ נאָמען).

## א.

### צוויי אָרעמע לייט

צוויי אָרעמע לייט זיינען פֿרייטיק צו נאַכט געזעסן אויפֿ'ן מעריב-באַנק, און האָבן געוואַרט מען זאָל ענדיקן דאָס דאַווענען, וועט מען מן הסתם, רופֿן אויף שבת. איינער איז געגאַנגען אויף שטאָלצן, און ס'קען זיין, ער איז טאַקע באמת געווען קרום אויף איין פֿוס; דער צווייטער האָט געהאַט אַ שראַם איבער'ן פּנים, איין אויג אַביסל גרעסער פֿונ'ם צווייטן; איין שפּיץ באָרד קירצער פֿון דער אַנדערער; און רכילות'ניקעס צווישן

---

מעריב (מייריוו): די זייט, וואו די זון פֿאַרגייט. דאָס חשוב'ע אָרט אין שול איז די מזרח וואַנט. אָרעמע לייט זיצן אָבער ביי דער מעריב וואַנט.

רופֿן אויף שבת: נעמען אַן אורח אויף שבת פֿלעגט גע־רעכנט ווערן פֿאַר אַ גרויסער מצוה. יעדער איד, וואָס האָט נאָר געקאָנט, פֿלעגט וועלן האָבן אַן אורח אויף שבת. פֿרעמדע מענטשן פֿלעגן דעריבער קומען גלייך אין שול אַריין און נאָכ'ן דאַווענען פֿלעגן שוין די בעלי בתים זיי איינלאַדן צו זיך אויף שבת.

אַ שראַם: אַ סימן פֿון אַ וואונד, אַ שניט.
רכילות'ניקעס: באַריידער.

אָרעמע לייט האָבן געזאָגט, אז דאָס איז אים געבליבן א זכר פונ׳ם ווייב. זי האָט אים אויסגעפליקט איין זייט באָרד. און איידער זי איז געקומען צו דער אַנדערער זייט. איז זי דערווייל געשטאָרבן. ביידע זיינען געזעסן ניט אָן גדלות, ווייל זיי האָבן געוואָרפן אָן אויג איבער דער קלויז, און האָבן געזען, אז מער קיין אָרעמע לייט זיינען ניטאָ. מען וועט זיך היינט רייסן איבער זיי! צוויי אָרעמע לייט אויף אַ קלויז מיט בעלי-בתים! און עס ווערט דערווייל אַ קלעראַכטס צו וועמען זיי קענען אריינפאלן.

— איך וואָלט מיר געוואונשן אָנצוקומען צו אַן אָרע־מאַן, — זאָגט דער מיט׳ן שראָם איבער׳ן פנים, — ווייל ביי אַן עושר, גאָט זאָל ניט שטראָפן פאר די רייד, תיכף נאָך דער המוציא, כאַפּט מען אַראָפּ די קוילעטשן; די דינסט שניידט אָפּ שטיקלאַך קוילעטש אויף אַ טעצל. דער גאַנצער קוילעטש זייערער, מ׳שטיינס געזאָגט, איז אויפ־געבלאָזן! פעדערן! ס׳האָט קיין זעט ניט; אלע פון שטוב זיינען זאַט און גלויבן ניט, אַז עמעצער איז הונגעריק! כאַטש דו זעסט פאר דיר אלדעם גוטס, גייסטו אוועק הונגעריק; ביי אַן אָרעמאַן, וואָס דו עסט שוין דאָרט — מיט א פולן בויך גייסטו דו אַוועק.

— ביזט אַ אינגל, כאָטש דו האָסט שוין זוכה געווען אַ ווייב צו קבורה ברייגנגן — שפּעט אוים אים דער קרומער.

---

בייזע צינגער: מענטשן. וואָס האָבן ליב יענעם צו באַ־ריידן, צו ריידן שלעכטס.

גדלות (גאַדלעס): שטאָלץ. גרויסהאַלטעריי.

המוציא (האַמויצע): דאָס ערשטע שטיקל ברויט אָדער חלה, איבער וועלכן מען מאַכט אַ ברכה. די ברכה איבער ברויט הייסט המוציא.

ער האָט באמת אויסגעוויזן ווי א אינגל קעגן קרומען: יענער איז געווען אַ הויכער ברייט-פלייציקער, גערעדט פון׳ם בויך אַרויס, און האָט אויסגעוויזן 50 יאָר אלט; דער מיט׳ן שראַם אָבער איז געווען אַ קליינס, אַ דאַרס, גערעדט אויף אַ ביי-קול און האָט אויסגעוויזן פינף-זעקס און דרייסיק יאָר אלט.

— איך וואָלט וועלן אָנקומען צו אַן עושר! דאָס איז א פאָלק, וואָס ליידט אַ גאַנצע וואָך פון ליידיק-גיין — דער טאַפּט עס א פרעמדן מענטשן, האָט עס ליב אויסצופרעגן: „פון וואַנען? וואוהין? וואָס הערט זיך נייעס?“ און נייעס — האָט עס ליב צו הערן פון אלצדינג, נאָר ניט פון זיך.

— נו, איז וואָס?

— איז דאָס, אז דו קאָנסט עסן און דערציילן, אז זיי זאָלן אוועקלייגן די לעפל און האַלטן אָפן מויל און אויערן.

און גאָט האָט זייביידן דערהערט.

דער עולם — נאָכ׳ן דאַווענען — געביטן זיך מיט׳ן גוט-שבת — האָט מען זיך ארומגעקוקט איבער׳ן גאַנצן מעריב: „נישטאָ קיין לייטעשער אורח — באַקלאָגט זיך יעדער אין געדאַנקן — אז ניט קיין ארץ-ישראל איד, צי אַ סאָלדאַט פון די „פּוימעניקעם“, צי א נשרף פון בריסק.

---

פּוימעניקעם. נעכאַפּטע. עס איז געווען אַמאָל אַן איינ־פיר אין רוסלאַנד צו כאַפּן קליינע אידישע קינדער און זיי אויפ־ציען אלס סאָלדאַטן. אַט די סאָלדאַטן רופט מען פּוימעניקעם.

אַ נשרף (ניסרעף): אַן אָפּגעברענטער. איינער, וואָס האָט געליטן פון אַ פייער. אַזאַ איינער פלעגט ארומוואַנדערן קלייבן שטיצע זיך צו קענען צוריק איינאָרדנען.

צי א גר צדק, צי אַן אייניקל — זאָל כאָטש זיין אזוי גלאַט אַ ליטעשער איד! ניין, ניטאָ!" ווער עס קוקט נאָר אַן דאָס פּאָרל אויף דער באַנק, מאַכט אַוועק מיט דער נאָז; „משטיינס געזאָגט, אויך מיר שבת׳דיקע אורחים!"

אין ברירה! וואָס זאָל מען טאָן? מען האָט פארנוצט די אורחים, ווי זיי זיינען שוין. דער קרומער איז אויסגע־פאלן צו יאסל מאַנופעקטורשטשיק, א איד — אן עושר דוקא, נאָר ער איז גראד שלעפעריק געוועזן; געכאַפּט און אָפּגעגעסן, און ארויסגעלאָזט דעם אורח.

דער, מיט׳ן שראָם איבער׳ן פּנים, איז אָנגעקומען צו אַן אָרעמאַן — א נאמן ביי דער טאקסע. געהאַט זיך דוקא געגוג אָנצועסן, אפילו געשלאָפן דאָרט, נאָר ער האָט געליטן אַן אומגליק: צי פארלאָרן, צי מען האָט ארויס־גענומען פון דער קעשענע — אַ גאַנץ רובל מיט דרייסיק קאָפּיקעס! כמעט פון א גאנצער וואָך צונויפגעקליבן. ער ווייסט אפילו ניט וועמען חושד צו זיין, ווייל עס וואוינט דאָרט אין שכנות אַ משרת פון א קלייט! „ווער ווייסט, ווער פון זיי האָט זיך גע׳סמ׳ט מיט׳ן „רובל דרייסיק?"

— ביזט ווערט איך זאָל דיר געבן מיט מיין שטאָלץ איבער׳ן קאָפּ! — מוסר׳ט אים אין דער פרי דער קרו־מער — שלימזל איינער! אַנדערע נעמען עפּעס צו פונ׳ם טיש, וואו זיי עסן, און ער לאָזט נאָך איבער! און מיינסט עס אַרט מיך אזוי שטאַרק דיינס?! כאַפּט דיך אַ רוח, א

---

גר צדק (גער צעדעק): א גוי, וואס האט אנגענומען דעם אידישן גלויבן אוים איבערצייגונג.

אן אייניקל: איינער, וואס שטאמט אפ פון באקאנטע רביים.

א נאמן (נעמאַן): א באגלויבטער. א קאסירער.

שטאָלץ: קוליע.

צרה, אַ כאַלעריע! פּשוט, מיך ארט, פאַרוואָס זאָלן זיי זיך ווארגן דערמיט? בעסער שוין — אין וואַסער פאַר־לירן!

שבת אינדערפרי צו דער סעודה, איז יאָסל מאַנופעק-טורשטשיק אויסגערוט, אויסגעשלאָפן פון אַ לאַנגער ווינטער־נאַכט. דאָס איז געווען אַ איד אַן עושר, גע־האַט אַ גרויסע קליט, אָדער פינקטלאכער גערעדט, זיין ווייב האָט געהאַט אַ גרויסע קליט. אין דער קליט קאָן מען אריין נאַקעט און ארויסגיין אָנגעטאָן פון קאָפּ ביז די פיס. איין חסרון נאָר, וואָס מען דאַרף דערפאַר געלט צאָלן. ער האָט אפילו אין דער וואָכן ליב אַן אורח, ווייל פון דעם „פּאָלק“ הערט מען זיך אָן מעשיות פון דער גרוי־סער וועלט, פון יענער וועלט, וועלכע ער האָט נאָך אין זיין לעבן ניט געזען, אויסער וואָס איין מאָל אין חלום. זייט ער לעבט, איז ער נאָך פון׳ם שטעטל ניט ארויסגעפאָרן; אַפילו נאָך סחורה פאָרט „זי“. אין דער וואָכן, אַז ס׳איז קיין פדיון ניטאָ, ליגט ער איבער ביי די שכנים־קליטניקעס אויף די לאָדן; פאַרשלעפּט זיי אַמאָל צו זיך, הערט פון זיי מעשיות; אז ניט — דערציילט ער זיי; קיין מאַנגל אין מעשיות ליידט ער ניט: אז עס לאָזן זיך אויס די, וואָס ער האָט געהערט — טראַכט ער אויס נייע; און אויס־געטראַכטס, דאַרף ער נאָר איינמאָל דערציילן — ווייזט זיך אים שוין ביים צווייטן מאָל אויס, אז עס איז ניט קיין אויסגעטראַכטס... ער האָט עס אויף זיכער ערגעץ געהערט. דאָס איז געווען אַ שוואכקייט פון׳ם גאַנצן שטעטל כמעט: צו הערן וואונדערלאכע מעשיות; נאָר ביי אים האָט עס געגרייכט צו אַ קראַנקהייט, א ספּאַזמע. דאָס ווייב, פריי־

---

פדיון: לייזונג. איינגאַמע פון מסחר.

דיטשקע (דער „חצי־זכר“ פלעגט מען זי רופן) — פלעגט אפילו פיינט האָבן זיינע „פּוסטע מעשיות, אויף וואָס די וועלט שטייט“; נאָר אז די מעשה פלעגט שמועסן פון גרויסע געלטן, פון א גרויסן געווינס, אָדער אַן אומגע־הייערע ירושה — פלעגט זי ווילד הנאה האָבן. זי פלעגט אויף כלומר׳שט זיך זעצן ביים קעסטעלע ציילן דעם פדיון, נאָר מיט׳ן אויער — געצויגן אהין, אויפ׳ן לאָדן, וואו עס פליען „טויזנטערס“, ווי פעדערן! און אז עס פלעגט דער־גרייכן צו גאָר גרויסע ציפערן, וואו זי האָט שוין קיין באַ־גריף, קיין השגה נים — פלעגט זי זיך פארטראכטן, און פילן דעם טעם, וואָס א מענטש פילט, ווען ער הויבט אָן אויפן געלעגער איינצודרעמלען, און פילט, אז ער הערט אויף צו פילן זיך.

שבת נאָכ׳ן דאַווגען, ביי דער סעודה, האָט זיך יאָסל גענומען צום אורח.

— פון וואַנען קומט אַ איד?

— עט, פון וואַנען קומט נים אַ איד? פון דער וועלט!

— וואָס הערט זיך עפּעס נייעס אויף דער וועלט?

— וואָס קען זיך הערן? מלחמות רק!

— אזוי!... ווער מיט ועמען? וואו?

— איטלאכער מיט איטלאכן! אומעטום... אמעריקא מיט קיטאַי, מיט ענגל! ... קיין ביקסן שוין נים גע־דאַכט! מען שיסט גאַנצע בערג און אינזלען!

— אזוי! נו, און אידן? מכח פרנסה?

— אידן — אודאי, אויף דער וועלט איז דאַ אי אַזוי, אי אזוי. .

— עפּעס דאַ גבירים? גרויסע, גאָר גרויסע גבירים

---

ענגל: ענגלאַנד. קיטאַי: כינע.

אויף דער וועלט ?

— אויב עס איז דאָ ? — פרעגט איר ! פון ר׳ „אַנטשל דעם גאָלדענעם“ האָט איר מסתמא געהערט !

— וואָס פאַר אַ ר׳ אַנטשל ?—פרעגט יאָסל, און לעגט אַוועק דעם לעפל. פריידע שפּארט אונטער דעם קאָפּ מיט איין האַנט, קראַצט מיט איין עק לעפל אונטער׳ן אויער און שטעלט אוים אַ פּאָר אויגן אויפ׳ן אורח.

— ניט געהערט גאָר ?! — פאַרוואונדערט זיך דער אורח, און ציילט געדיכטער די לעפל אין מויל אַריין — טאַקע באמת ניט געהערט ?!

— אסור חזיר ! איך זאָג — ניין, הייסט עס — ניין !

דער אורח האָט זיי אָנגעקוקט פאַרוואונדערט ; עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ער קאָן עס ניט גלויבן. . . ער האָט זיך אָנגעהויבן צו איילן מיט די לעפל, גלייך ער דאַרף משלים זיין צו אַ מספּר, און ענדלאך האָט ער זיך אָפּגעווישט די וואָנצעס און גענומען דערציילן :

ר׳ „אַנטשל דער גאָלדענער“ איז אַ איד אַ גוואַלטיקער מיליאָנער ! זיינע פערד שטייען אין אַ גאָלדענער שטאָל און טאַקע אָט איבער דער שטאָל רופט מען אים „דער גאָלדענער“. ער אליין זיצט אין אַ בורשטינען הויף ! קיין לאָמפּן איז ביי אים ניט איינגעפירט : ס׳הענגט אין מיטן שטוב אַ מין דימענט, איז פון אים שוין גענוג ליכטיק. נאָך וואָס זשע זאָל אין אמת׳ן אומזיסט אויסברענען קע־

---

אסור חזיר : פאַרבאָטן ווי חזיר. אַן אופן פון שווערן זיך, פאַרזיכערן אָדער אָפּלייקענען עפּעס.

משלים (מאַשלים) זיין : דערענדיקן. דערגענצן.

מספר (מיספּער): אַ צאָל.

ראָסין אלע נאַכט? ס'דאָך אַ אמת'ער בל תשחית!

יאָסל מיט פריידן ציען קוים דעם אָטעם פון פאַרוואונדערונג.

— נאָר דאָס איז נאָך גאָר ניט: אַ בעל צדקה איז דאָס — אין לשער! איך האָב ניט לאַנג געגעסן ביי אים שבת... מיני פיש! מיני צימעסן!... אַך, ס'ברעכט מוחות! און אַז איך האָב אָפּגעגעסן, האָב איך געמוזט מיטנעמען דעם גאָלדענעם לעפל, וואָס איך האָב געגעסן מיט אים... „סטייטש, וואָס רעדט איר, — טענה איך, — „ר' אַנטשל! איר זאָלט מיר געזונט זיין! ס'האָט דאָך אַ פּנים ווי גע'גנב'עט!"

— עט, — זאָגט ער, — אַזוי איז ביי מיר דער מנהג: „אַן אורח, אַז ער עסט ביי מיר, מוז ער דעם לעפל מיטנעמען!" איך האָב אים פאַרקויפט, און חתונה געמאַכט אַ מיידל!

„איי, איי, איי!" — שטעלט יאָסל אויף מויל און אויערן.

— דאָס איז נאָך ניט אין גאַנצן — דערציילט דער קרומער, — אָט הערט ווייטער: ר' אַנטשל דער גאָלדענער טוט אַזוי פיל חסדים אַזוי פיל צדקות, ניט נאָר מיט אידן, נאָר אפילו מיט „עם־רב" — אַז ער איז באַשטעקט און באהאנגן מיט אַזוי פיל מעדאַלן, מיט אָרדערס, אַז ער האָט שוין ניט מער וואו אויפצוהענגען!... ממש — זיי־

---

בל תשחית (באַל טאַשכעס): דו זאָלסט ניט פאַרדאַרבן, איבערפירן. איבערפירן עפּעס. פאַרשווענדן איז ביי אידן אַן עבירה. ווער עס טוט עס, איז עובר אויף דעם געבאָט פון בל־תשחית.

אין לשער (איין לשאַער): גאָר ניט אָפּצושאַצן, גאָר ניט פאַרצושטעלן זיך.

בייגן אים צו דער ערד — אַט די מעדאלן !. . . און דער־פאר טאַקע האָט ער אויפגעהערט מיט נדבות, כדי ער זאָל חס ושלום ווידער קיין מעדאל ניט באַקומען ! ער האַט אומיסטן אָפּגעלאָזט די הינט פון די קייטן, כדי עס זאָל שוין קיין אָרעמאַן ניט אריינקומען. . . ס'אַ מענטש אָבער, וואָס קאָן פאָרט ניט לעבן אָן חסדים, אָן מעשים טובים, און דאָ האָט דאָס ווייב, לא עלינו, זיך געפעלט ; קינדער זיינען ניט געבליבן—איז ער געפאַלן אויף אַן המצאה: אָנ־געטאָן זיך אין שמאַטעס, און געלאָזט זיך אויף דער וועלט. ער גייט אין די הייזער. זעט ער אַן אומגליקלאַכן, שענקט ער א זשמעניע געלט און ווערט פארשוואונדן ; רופט אים, א שטייגער, אַן אָרעמאַן אויף א וועטשערע, פארלירט ער דאָרט אויף כלומר'שט א בייטעלע געלט ; גיט מען עס אים אָפּ, — לייקנט ער, ס'ניט מיינס ! אלא מאַכט מען א שוויג, ווערט ביי אים פארצייכנט : דער אָרעמאַן, הייסט עס, איז א גנב ; אלא מאַי רופט אים אן עושר און גיט אים אַ גוטע וועטשערע, שרייבט ער אַהיים זיינע קאָנטאָרן, אַז דעם און דעם זאָל מען מאַכן אַ גרויסן קרעדיט. און אזוי איז ער פול אומעטום, און קיינער ווייסט ניט !

— או־אַ ! ערשטוינען מאַן און ווייב ; וואָס אויף א וועלט פארלויפט זיך ! יאָסל האָט זיך פארטראַכט : — זאָגט זשע נאָר — כאַפּט ער זיך אויף ווי פונ'ם שלאָף ;

---

לא עלינו (לוי אלַיינו): נישט אויף אונז געזאָגט. ניט דאָ געדאַכט.

המצאה (האמצאע) : איינפאַל.

זשמעניע : אַ הויפן. אַ פולע האנט.

אלא מאַי (עלע מאַי) : אי וואָס. נאָר וואָס־זשע דען ? עס טרעפט זיך.

קאָנטאָר : אָפּיס.

איר זאָלט מיר געזונט זיין, איר האָט דאָך געגעסן שבת ביי אים, קאָנט איר ניט זאָגן עפּעס א סמן אין אים? ווי א זאַך מאַכט זיך. . . מען קען וויסן?. . . אפשר קומט ער צו אונז?

— ער האָט אַ שראַם איבער'ן פּנים — פּאַלט דעם קרומען איין פּלוצלונג צו זאָגן.

אַ גאַנצן שבת האָט יאָסל געהאַלטן אין איין ריידן פון ר' „אַנטשל דעם גאָלדענעם!" און זונטיק אין דער פרי האָט ער עס דערציילט ביי זיך פאַר'ן לאָדן צווישן שכנים און זיינע משרתים. אודאי האָט ער עס שענער און פּינקטלאַכער פון דעם קרומען אורח דערציילט: ער האָט געזאָגט פּינקטלאַך, וויפיל שיפן ער פאַרמאָגט אויפ'ן ים, וויפיל קיסרים עס זיינען אים שול-דיק געלט, וויפיל טויזנטער דער קוטשער נעמט ביי אים און נאָך אַ סך, וואָס דער קרומער האָט אויסגעלאָזן. דעם סימן אויפ'ן פּנים אָבער האָט ער קיינעם ניט איבער-געגעבן, נאָר — זיינע משרתים; „ווי א זאך מאַכט זיך. . . זאָלן זיי וויסן. זיי זיינען דאָך אין קלייט מער פון מיר!"

---

## ב.

## א טרויעריקער שבת און א פריילאכער זונטיק

יענער צווייטער אָרעמאַן האָט פאַרבראַכט א טרויע-ריקן שבת. דערפאַר איז דער „זונטיק אין דער פרי" נאָך טרויעריקער געוועזן: דער פראָסט איז גרויס, דער שניי איז טיף; ער איז כמעט באָרוועס, די קאַפּאָטע איז לעכערדיק; דער ווינט בלאָזט א צוג-לופט דורכ'ן האַלז און די אויס-געריבענע עלנבויגן און ער גייט אַזוי איבער דער שטאָט

אָפּמאַכן כאַטש צוריק דאָס פאַרלוירענע „רובל-דרייסיק".
איינגעצויגן, איינגעקאָרטשעט, געטריבן פון ווינט און

שנײ—איז ער פאַרבײגעגאַנגען פאַרבײ א גרויסער קלייט, וואו ער האָט זיך, ניט ווילנדיק, אָפּגעשטעלט: עס הענגען דאָרט טולופּעס (פּעלצן) בערענע, וועלפענע, פּיזעס, ביבער!

— אך, דאַרף עס גוט זיין איינצוואוויקלען זיך אין אזעלכע ווייכעטשקע געדיכטע האָר!... ענג-ענג ארומ־נעמען זיך!... ארײנלײגן די הענט אין די ארבל!... טעם גן-עדן! כאָטש אויף אַ שעה... כאַטש אויף א פערטל שעה!... כאַטש פינף מינוט!...

עס פאלט אים איין א געדאנק: „דאָס איז ־אָך צו פאַרקויפן! איך קאָן אריינגיין אָנמעסטן אַ טולופּ... גלייכן זיך... דינגען זיך, און ניט אויסגלייכן זיך... דער־ווייל וועל איך זיך אביסל דערוואַרעמען! ווער קאָן וויסן, צי דאַרף איך באמת קויפן צי ניין! דאַרפן — דאַרף איך אודאי! וואָס דען? אָן אַנגעטאָנענער דאַרף אַ טולופּ? אי, געלט? סיי ווי זאָגן די גבירים, אַז די אָרעמע לייט האָבן פאַרבאָרגענע קניפּלאך!"

דער פּלאַן געפעלט אים, און ער גייט אריין; הייסט זיך דערלאַנגען עפּעס א גוטן טולופּ.

משרתים ווינקן זיך איבער; קוים וואָס זיי האלטן זיך איין פון לאַכן. מען הויבט זיך אָן ארײנלאָזן אין קלייט־ווערטלאך, זאָגן חכמות: א וואָס פאַר א טולופּ וויל כבודו? פון וואָס פאַר א פּרייז מיינט מעלתו? טייל פאַר־

---

מעלתו (מאַלאָסוי): זיין הויכקייט. אַ טיטל פאַר גאָר חשוב'ע מענטשן.

שמעלצן מיט א ביסל דייטש: „האָט איר מינצע?“

נאָר „איצל דער קומי“ איז פאַרהילצערט געבליבן. ער לויפט צו צום בעל־הבית, און רוימט אים איין אין אויער: „קוקט נאָר אָן דעם אָרעמאַן! איר זעט זיין שראַם?“

— נו, איז וואָס? שוטה! — ענטפערט אים יענער, ניט ווייניק פאַראינטערעסירט. — אַ שראַם צו אַ שראַם איז ניט גלייך!

— טאַקע ווייל אַ שראַם צו אַ שראַם איז ניט גלייך, זאָג איך אייך דאָס, — ענטפערט יענער. — דער אָרעמאַן האָט געגעסן שבת ביי מיין שכן, און האָט פאַר־לוירן אַ בייטעלע געלט!

יאָסל האָט זיך אויפגעכאַפּט פונ׳ם אָרט, און האָט זיך גענומען באַטראַכטן דעם אָרעמאַן: — נו, האָסטו עס אפשר געפונען? האָסט עס אָפּגעגעבן?

— אָפּגעגעבן?! ניין!

— הולטאַי! — בייזערט זיך יאָסל שטילערהייט.

— וואָס רעדט איר, ר׳ יאָסל! איך וואָלט עס דען געוועזן צוגענומען? איך ווייס ניט, וואָס הייסט אַ פרעמ־דער גראָשן? נאָר פשוט: ראשית, האָב איך איבערגע־קלערט, פון וואַנען איז געדרונגן, אז ס׳איז זיינס? אין „רובל דרייסיק“ איז דאָ אויף דער וועלט?! שנית, האָט מיך טאַקע א פאַרדראָס גענומען, ווי טראָגט עס אַ איד געלט בײַ זיך אום שבת?

— נו, פאַרפאַלן! מאַך א שוויינ! זאָל ער טראַכטן אויף יענעם! גיי גיב אים אַ גוטן טולופּ, און זאָג א פרייז!. . . פאַרשטייסט? עס איז קיין שום ספק ניט!

ער איז עס!. . .

משרתים הויבן אָן דערלאַנגן טולופעס. דער אָרעמאַן מעסט אָן איינעם, וויקלט זיך אין אים איין, עס גלוסט אים שוין ניט אויסצוטאָן. ער פרעגט אויף דעם א מקח: יאָסל טראָגט אים צו אַ בענקל: „מיט דעם מקח וועלן מיר זיך שוין אויסגלייכן, נאָר זייט אַזוי גוט: איך דאַרף פדיון פארשרייבן. . . יעדן מיט׳ן נאָמען. . . ווי הייסט מעלתו?

— אַנטשל היים איך, נאָר. . .

אַ שוידער איז יאָסלען איבערגעלאָפן איבערן לייב: „דאָס איז זיכער ער; אַ כשר׳ע מציאה אין שטוב אריין!“ ער קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

עס פאַלט אים איין א געדאַנק: איר וואָלט אפשר דאַ ביי אונז עפּעס איבערייבסן? פרעגט ער דעם אָרעמאַן מיט דרך־ארץ.

— אך, פארוואָס ניט? — ענטפערט יענער פריילאַ־כער, — אבי איר וועט נאָר געבן! געדאַוונט האָב איך שוין!

אויף יאָסעל׳ס וואונק האָט מען אריינגעכאַפּט אַ פּו־דעלע סערדעלן, א לימינע מיט אַ פרישע בולקע. ער האָט אים אריינגעפירט אין זאַל אריין. פריידע איז אקאָרשט ניט צעזעצט געוואָרן: אָנגעטראָגן שניי אויף די „געוועק־סעלטע פאָלן!“ נאָר זי האָט געהאַלטן פּיסק! זי ווייסט אויך וועגן צו שווייגן.

דער אָרעמאַן האָט זיך גאָר מחיה געווען; אַ טייערער איבערבייסן דאָס איז! איין חסרון. . . נאָר, וואָס די לי־

---

מקח (מעקאך): פרייז.
פּאָל: דיל. געוועקסעלטע פּאָלן זיינען הילצערנע דילן, פּאָלירט מיט וואַקס.

מענע !. . . זויערס מאַכט אַפּעטיט. . . און די בולקע איז א ווייסע, א פרישע. . . האָט גאָר קיין זעט ניט !. . .

— וועט איר אפשר קויפן ביי מיר נאָך מלבושים ? וואָס איז — נאָר אַ טולופּ ?

— איך האָב אָבער קיין געלט ניט !

— נישקשה, אייערס א קוויטל איז גענוג. . .

אַנטשל, דער קבצן, איז אין פינף מינוט איבערגעטאָן, אויסגעקליידט געוואָרן — גלייך אויף דאָס נייַ איבערגעבוירן ! ער האָט זיך דערזען אין שפיגל, האָט ער געוואָלט דאָס היטל אַראָפּכאַפּן, נאָר ער האָט, נעבאַך, לאַנג געזוכט דעם דאַשעק און האָט אים ניט געטראָפן אויף זיין אָרט. ער האָט פארגעסן, אז מען האָט אים אָנגעטאָן א ביבער מיצל אויפ׳ן קאָפּ.

די זאַך, פארשטייט זיך, האָט מען דערווייל געהאַלטן בסוד סודות : אַזאַ זאַך איז גלייכער. וואָס ווייניקער די שטאָט וועט וויסן דערפון, נאָר די משרתים און די פיר ווענט האָבן געוואוסט. נאָר, אַפנים, אָט די פיר ווענט האָבן ניט געהאַלטן קיין צונג, און באַלד איז דאָס גאַנצע שטעטל געשטאַנען אַרום יאָסעל׳ס קלייט, געוואַרט, געצויגן זיך אויף די שפיץ נעגל, כאָטש אַ קוק כאַפּן אויף דעם וואונדערלאַכן ר׳ „אַנטשל דעם גאָלדענעם“, וועלכער פאַרט אַרום אויף דער וועלט פארשטעלט אין אָרעמע קליידער, נאָר וועלכן די קעלט מיט דער נעץ האָבן געצוואונגען ער זאָל זיך אויסגעבן פאַר יאָסעלע׳ן.

— נישקשה, — האָבן קרעמערס געזאָגט ניט אָן קנאה, — ער וועט אָפּלעקן א ביינדל, יאָסל אונזערער !

— ס׳וואָלט כדאי געווען, — זאָגט אַ קרעמער, אריינצושיקען אַ פּאַסקוויל אים אליין אין דער יד אריין! — זאָל ער וויסן, אז יאָסל שאכריי האָט אים „איבערגעזעצט“.

נאָר יאָסל איז ניט קיין פּתי: דערזען אַזאַ עולם אין דרויסן, האָט ער אָפּגעזוכט פון זיינעטוועגן אַ סטאַנציע ביי זיינעם אַ שוואָגער, וואו ער איז געווען זיכער, אז מען וועט זיינע שונאים ניט צולאָזן. ער האָט מורא געהאַט אים תיכף אריבערפירן, נאָר דער אָרעמאַן האָט דערזען אַזאַ עולם, האָט ער זיך אביסל דערשראָקן:

— וואָס קוקן זיי עס אזוי אויף מיר? — פרעגט ער.

— זייט רוהיג, ר׳ אנטשל — טרייסט אים דער בעל־הבית. — איר האָט אודאי אַן איבערטראַכט פאר מעדאלן מיט אָרדנס?

— יאָ, יאָ... אפילו פאר גלאַט אַ רויטן קאָלנער!...

— רואיק, רואיק, ר׳ אַנטשל, — שלאָגט אים יענער איבער. — ביי אונז איז אַ פּראָסט אידיש שטעטל! נישט קיין אַיינפיר „מעדאלן מיט אָרדנס“...

— אזוי? זייער גוט!

— איך וועל אייך אריינפירן דאָ צו מיינעם אַ שוואָגער... זייער אַ גוטע סטאַנציע. איר וועט זיך דאָרט אויסרוען... וואָס טויג די פארשטעלטע שפּיל?... איר זאָלט מיר קיין פאראיבל ניט האָבן, וואָס איך מיש זיך

---

פּאַסקוויל: אַ בריוו, וואָס רעדט אַן אויף עמעצן.
שאַכריי: שווינדלער.
איבערגעזעצט: גענומען אַ צו הויכן פּרייז.
פּתי (פּעסי): נאַר.
אַ רויטער קאָלנער: אַ פּאָליציאַנט.

אריין אין אייערע סודות. . . איר זעט דאָך, מיר ווייסן שוין אין גאַנצן. . . עס איז גלאַט ניט פאר אייער כח. . . מ׳שטיינס געזאָגט, דאָס גיין אין די הייזער און וואלגערן זיך ביי פרעמדע טישן, אויף פרעמדע געלעגערס! מען קאָן צווישן אחינו בני ישראל פשוט. . . אָפּן „טאָן“ די גרעסטע זאכן און אפילו אַ דאַנק ניט הערן!. . .

— ווער מען דאָרט געבן עסן? — פרעגט ר׳ אנטשל אביסל פאַרזאָרגט.

— כיד המלך! וואָס אייער האַרץ וועט נאָר גלוסטן!

— נו, קומט זשע!

יאָסל האָט אַריבערגעפירט דעם גאסט צום שוואָגער, וואו מען האָט אים איבערגעגעבן די בעסטע צימערן, און געשטעלט אַ שומר ביי דער טיר, ניט אריינצולאָזן קיי־נעם „אָן דעם אורח׳ס דערלויבעניש!“ און אויפ׳ן אויער איז אָנגעזאָגט געוואָרן — „ניט צוצולאָזן קיין שום „מאַנו־פאַקטורשטשיק“.

---

ג.

## מען טראָגט נדבות אהיים

ליגנדיק נאָך אַ זאטע וועטשערע אין אַ ווארעמען צימער אויף ווייכן בעטצייג, האָט זיך דער קבצן איינגע־טראַכט אין געדאַנקן און האָט געפונען, אז, ראשית, איז דער קרעמער, ר׳ יאָסל אַ וואוילער איד, אַ מכנים־אורח,

כיד המלך: אויף אַ קעניגלאכן אופן. מיט דער פולער מאָס.
א מכנים אורח (מאַכנים אויראַך): איינער וואָס נעמט אויף אורחים. געסט. פארבייגייער.

און דאַרף זיין א בעל-שפע אין קלייט, וואָרים אַז ער גע־טרויט יעדן אָרעמאַן אפילו; און גיט נאָך צו אַזאַ איבער־בייסן צום פדיון, דאַרף איטלאכער זיך רייסן צו אים אין קלייט אַריין. שנית, איז דער בעל הבית פון דאַנען ממש אַ צדיק! וואָס פאר א מיני מאַכלים מען גיט דאָ אָרעמע לייט! מען קאָן זיך, אפנים, ביי'ן עושר אויך אמאָל אָנעסן אויף זאַט!

און ער האָט ווידער געפונען, אז א וואָרעמער טולופּ מיט נייע מלבושים — אַבי גאַנצע, אָן לעכער — איז א גרויסער תענוג פאר מענטשן, און פאר אן אָרעמאַן איז עס נאָך נויטיקער ווי פאר אן עושר; ווייל אַן אָרעמאַן גע־פינט זיך, נעבאָך, שטענדיק אונטער'ן הימל, אויף אַלע רעגנס, אלע שנייען, אלע ווינטן, די קעלט האָט אויף אים מער שליטה.

און ער האָט ווידער געטראַכט, אז דער ר' יאָסל איז אַ קלוגער איד, אַ חכם-עתיק. ער ראָט אים, ער זאָל שוין דאָ אין שטעטל בלייבן אויף תמיד. . . זייער א גלייכער איינפאל! וואָס טויג אים אַן אַנדערע שטאָט? איז דען דאָ ערגעץ נאָך אַזוינע מכניסי אורחים, ווי דאָ?!. . .

איין זאַך נאָר האָט אים איבערגעשלאָגן: ער האָט דאָס „רובל-דרייסיק" נאָך ניט אָפּגעמאַכט און אצינד, אנ־געטאָן אין אזא טולופּ, אין אזוינע שטיוול מיט קאַלאָשן, וועט אים שווער זיין אָפּצומאַכן דעם שאָדן: קיינער וועט

---

א בעל שפע (באַל שעפאַ): איינער וועמען ס'גייט גוט אין געשעפט.

תענוג (טיינעק): פארגעניגן.

חכם עתיק: אַ חכם פון די אַמאָליקע חכמים. א גרויסער חכם.

אים קיין נדבה ניט געבן, גיכער וועלן אַנדערע אָרעמע לייט ביי אים נדבות מאָנען. . . מיט דער זאָרג איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן. . .

אין שטעטל אָבער האָט מען דערציילט וואונדערלאַכע זאַכן פון ר׳ „אנטשל דעם גאָלדענעם“. איינער האָט דערציילט, אַז ער ווייס אַזוי זיכער, ווי ער קאָן זיינע צען פינגער, אַז ביי ר׳ אַנטשלען אין דער היים, ווען אַן אָרעמאַן לייגט ביי אים איין דעם נדן פון זיינע קינדער, שטייט ער שוין אוים אַלע חתונה הוצאות, חוץ וואָס ער גיט אַ גרויסע דרשה געשאַנק.

אָרעמע לייט האָבן אָנגעהויבן שדוכים טאָן און געטראָגן דעם נדן צו „ר׳ אַנטשלען“; אויך אַ סך גבירים האָבן זיך אָנגעהויבן אויסצורכענען, אַז ביי אַ פּינקטלאכן חשבון קענען זיי אויך הייסן אָרעמע לייט... און מעגן אויך נהנה זיין פון “ר׳ אַנטשלען”, און האָבן אויך אָנגעהויבן צו טראָגן זייערע גרויסע נדנ׳ס צו ר׳ אַנטשלען.

ר׳ אנטשל האָט זיך גאָר מחיה געווען. איין חסרון נאָר, וואָס דאַכט זיך, לויט זייערע האַלבע ווערטער, וואָס זיי האָבן דאָ גערעדט, ווייזט אוים, אַז זיי וועלן אַמאָל קומען אָפּנעמען די געלטער. . . „אַז ווידער אָפּנעמען, נאָך וואָס זשע גיבן זיי מיר?“ צוריק־צו־וועגס גערעדט, האָט ער זיך געטרייסט, וועלן זיי דען קומען מיט אַמאָל אַלע אין איין טאָג צוריק אָפּנעמען? עס וועט פאָרט עפּעס ביי

נדן (נאָדן): אַ סומע געלט וואָס דער כלה׳ס פאָטער גיט דעם חתן.

דרשה (דראָשע) געשאַנק: אַ חתונה מתנה. אַמאָל איז געווען אַ מנהג דער חתן זאָל האַלטן אַ דרשה פאַר דער חופּה און דאַריבער האָט מען די מתנות, וואָס מען האָט געגעבן די חתן־כלה גערופן דרשה געשאַנק.

נהנה (נענע) זיין: געניסן. הנאה האָבן.

מיר אויך בלייבן, און אפשר וועט אלע מאָל צוקומען נייע...

אים איז איינגעפאלן א געדאַנק: ארומגיין אויף דער שטאָט קען ער אַצינד ניט, מען וועט אים ניט געבן. און אביסל גלוסט זיך אים טאַקע ניט פון דער וואַרעם אין דער קעלט אַרויסגיין. נאָר בּאַ די, וואָס קומען צו אים אַ היים, קאָן ער דאָך מאָנען; זיי וועלן אים געבן. ס'איז לייטעשע מענטשן מיט אידישע הערצער! דער איינפאַל איז באמת געווען ניט קיין שלעכטער: „אך!" „אדרבה" האָט זיך אָנגעכאַפּט יעדער פון די אריינקומענדיקע, ביי וועלכע ער האָט געמאָנט אַ „נדבה": „פאַרוואָס ניט?" „מיר זיינען אויך אידן! כאָטש מיר זיינען קליינע מענטשע־לאַך!" „כ'לעבן, אקעגן ר' „אַנטשל דעם גאָלדענעם" — זעען מיר זיך אָן?! בינען, קליינע בינען, אקעגן אַ גרויסן בער!"... נאָר אף־על־פי־כן — איטלאכער נאָך זיין כח איז מחויב צו געבן".

און איטלאכער האָט געגעבן נאָכ'ן כח און אי־בער'ן כח... מען קען זיך דאָך ניט מאַכן אַ ציגיינערישׁ פנים, ווען ר' אנטשל אליין מאָנט אַ נדבה! ווער ווייס אויף וואָס? אויף הכנסת כלה, צו ביקור חולים, צו קבורת מת מצוה... „אויף וואָס אַזאַ גביר קען מאָנען אַ נדבה!"...

ר' אנטשל האָט אויף דער נאַכט איבערגעציילט די נדבות און איז העכסט צופרידען געבליבן: אזא נדבה האָט ער אפילו אין חלום ניט געזען! די נדן געלטער האָט ער ניט

---

אף־על־פי־כן (אַף אַל פּי קיין): פונדעסטוועגן.

הכנסת כלה (האַכנאַסאַס קאַלע): געלט חתונה צו מאַכן אָרעמע מיידלאַך.

בקור חולים: געלט צו העלפן אָרעמע קראַנקע.

קבורת מת מצוה: די מצוה פון באערדיקן אַן עלנדן טויטן.

געוואָלט ציילן, ווייל זיי זיינען אים ניט אזוי באַקומען; ער האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל מרה־שחורה, טאָמער וועלן זיי פאָרט אלע אין איין טאָג מיט אמאָל צוריק פאָ־דערן, אָבער נדבה-געלטער וועט מען דאָך אודאי צוריק ניט מאָנען! „דאָס איז מיינס אויף תמיד", טרייסט ער זיך, און דאריבער האָט ער עס געציילט, און האָט זיך גאָר ניט געקאָנט זאַט אָנציילן.

„אַ טייער מיטל דאָס איז, טראַכט ער זיך, זיצן אין דער היים און מאַכן אזא נדבה! איך בין ביז היינט נאָך ניט געפאלן אויפ'ן שכל דאָס מיטל צו פּרואוון! אי עס איז גרינגער, אי מען מאַכט מער".

ער האָט זיך געגעבן דאָס וואָרט מער אין די הייזער ניט צו גיין. ער וועט דארפן אַ נדבה, וועט ער זי מאַכן אין דער היים. דאָס הייסט — אָט דאָ אין דעם צימערל, וואו עס איז אַזוי וואַרעם און מען גיט עסן און טרינקן, און מען ברענגט נאָך געלט אויך.

---

ד.

## ר' אַנטשל ווערט אַ חתן

שדכנים האָבן זיך אָנגעהויבן ברעכן די מוחות אי־בער „ר' אנטשל דעם גאָלדענעם". סטייטש, אזא אלמן זאָל ניט אויסזוכן אַ כלה דאָ אין שטעטל! אמת, לויט זיין רייכקייט, זיינע אוצרות (און קוים רייך איז ער דאָך

---

אלמן: איינער ביי וועמעז די פרוי איז געשטאָרבן.

פשיטא א גרויסער געלערנטער אויך) קען מען אים דאָ קיין גלייכן ניט צוקלייבן; נאָר דאַרויף איז ער דאָך „ר' אַנטשל דער גאָלדענער", מיט זיינע גוטע מעשים טובים! אים שטייט אָן צו נעמען דוקא אַן אָרעם מיידל, גלאַט פאַר רחמנות! און אָרעם הייסן דאָך גלאַט אַפּילו די גרעסטע גבירים אַנטקעגן אים! מען דאַרף א טאָפּ טאָן! א קשיא אויף א מעשה? למאי האָט ער זיך דאָ ביי אונז באַזעצט! געלאָזט ברושטינענע פּאַלאַצן מיט גאָלדענע שטאַלן און זיצט דאָ אין א נומער! אויך מסתמא פאַר רחמנות!

אין שטאָט צווישן מיידלאַך האָט מען אויך געשמאַק גערעדט פון דעם גאָלדענעם אלמן: „דאָס איידלקייט ליגט אים אויפ'ן פּנים" — האָבן אַ טייל געזאָגט.

— דער שראָם אויפ'ן פּנים פּאַסט אים אזוי! — זאָגט אַן אַנדערע, — גאָר ווי צוגעמאָסטן; עס קאָן זיין, ער האָט זיך אים אומיסטן געלאָזט מאַכן.

— וואָס פאַר א שאַרפע אויגאלאַך ער האָט!—געפינט אַ דריטע — מיט איין מאָל קוקט ער אָן צוויי מענטשן!

— די אויגן ציען ווי מאַגנעטן.

— גאָלדענע צוויי אויגן!

— ער איז אין גאַנצן אַ גאָלדענער מענטש!

אַז וואויל איז דער, וואָס וועט אין זיינע הענט אריינ־פאַלן.

עס האָבן זיך געפונען טייל עזות'דיקע גבירים, וואָס האָבן געפּרואווט אונטערשיקן א שדכן, נאָר קיין שדכן האָט זיך ניט אונטערגעשטעלט אריינצוגיין. און דאָ דאַרף

---

עזות (אַזעם): חוצפּה. געוואַגטקייט.

מען זיך נאָך פאַר׳גנב׳ענען פאַר׳ן שומר, וועלכער היט די טיר, עס זאָל ניט אַריינגיין אבי־וועך!

איין שדכן, גאָר א וואוילער יונג, וואָס האָט געקאָנט א פויל אייזל מיט א שלאָפנדיקן בער צונויפפירן, וועלכן מען האָט טאַקע דערפאַר גערופן „אייזלבער״, האָט זיך אונ־טערנומען אויף דער שטיקל ארבעט.

און אזוי ווי „אייזלבער״ האָט זיך פאַראויס אויסגע־מאָלט, אזוי גרינג איז אים געגאַנגען. ר׳ אַנטשל דער גאָל־דענער איז אזא עניו, אַז ער האָט זיך גאָר ניט געגלויבט, אויב עפּעס אַ מיידל וועט וועלן גיין פאַר אים.

— חתונה האָבן, — ענטפערט ר׳ אנטשל, — מחיכי תיתי, איז א אידישע זאַך, נאָר ווער וועט מיר דען געבן זיין טאָכטער?

און „אייזלבער״ האָט דאָס ערשטע מאָל אין לעבן באַ־דאַרפט באַנוצן שבועות אויף אן אמת: „ביי מיין באָרד און פאות, ביי מיין לעבן, ביי מיין ווייב און קינדער, ביי א ספר שווער איך, ר׳ אנטשל, אַז ווען איר זאָלט אלע מיידלאַך פון שטאָט וועלן, וואָלטן זיי אלע געגאַנגען אונ־טער איין חופּה מיט אייך.

„ווי קען מען עס ניט וועלן אַזאַ גביר, אזא פאַרשוין, קיין בייז אויג, ווי איר זייט! ווילט איר אָרעמע, ווילט איר רייכע פון גאָר די רייכסטע, צי אפשר ווילט איר גאָר דעם רבינ׳ס מיידל? צי אפשר ווילט איר גאָר א „מאָמ־

---

ענו (אָנעוו): איינער וואָס האַלט זיך קליין. ניט שטאָלץ.
מהיכא תיתי (מהייכע טייסע): פאַרוואָס ניט? אויך רעכט.
מאַמזעל: מיידל. א פראַנצויזיש וואָרט. וועלכן מען באַ־נוצט. ווען מען וויל זאָגן אויף א מיידל, אַז זי איז היינטוועלטיש, אַן אַריסטאָקראַטקע.

זעל“—איז דאָ ביים דאָקטאָר... אַ קענעוודיקע, אַ גוואַלט! קוקט אויף ברילן, און טראָגט אַ שטעקעלע, ממש — אַ מאַנסביל! אָט לאָז איך אייך איבער אַ צעטל — יעדער נאָך זיין פאַרמעגן מיט זיין נאָמען, מיט זיין ציפער נדן. אָט דאָס איז פון אָרעמע לייט, נאָר מיוחסים, איך בין אויך דאָ צווישן זיי, און איר קלייבט זיך אויס! מאָרגן וועט איר מיר זאָגן תשובה. איך האָב אייך פאַרגעסן צו זאָגן: עס איז דאָ צווישן זיי „גאָר שיינע“, און „שיינע“ און „אביסל שיינע“ — קיין מיאוס׳ע פאַרמאָג איך גאָר ניט! די „שיינע“ זיינען דאָ געצייכנט מיט אַ שטריכעלע... ניט! די „שיינע“ זיינען דאָ געצייכנט מיט אַ שטריכאַלע... בעריקע האָב איך ניט געצייכנט.

ר׳ אַנטשל האָט זיך גענומען קוקן אויף דעם צעטל, און האָט זיך גיך אויסגעקליבן א זווג, ער האָט דערביי א גלייכן חשבון געמאַכט: וועלן, זאָגט אייזלבער, ווילן זיי מיך אַלע. גבירים, זע איך, איז דאָ ווייניקער ווי געמיינע; גבירים מיוחסים — נאָך ווייניקער; גבירים מיוחסים מיט שיינע מיידלאך — גאָר, גאָר ווייניק! קבצנים, פּראָסטאַקעס, מיט מיאוסע מוידן, איז דאָ, זע איך, גאָר אַ סך. אַז איך וועל נעמען א מיאוס׳ע מויד, א פּראָסטאַק, וועלן יענע אַלע איבריקע זי מקנא זיין! וועלן זיך, נעבאַך, שטאַרק מצער זיין — איז גלייכער א שיינע ביי אן עושר, אַ מיוחס — וועט ווייניקער קנאה זיין.

מילא, מיט׳ן זווג איז ער שוין פאַרטיק, נאָר אים האָט פאַרנומען אַן אַנדער געדאַנק: ער האָט היינט געהערט פון אייזלבערן, אז ער, אַנטשל, איז א גרויסער גביר;

---

זווג (זיווּעג): פון דעם ווארט זוג — א פּאַר. א זווג מיינט אַ מאַן אָדער אַ ווייב. וואָס איז באַשערט, פון גאָט באַשטימט.

אייזלבער איז א קלוגער, ער ווייס אלצדינג. אז ער זאָגט, מסתמא ווייס ער וואָס ער זאָגט. און איך האָב דערפון ביז היינט ניט געוואוסט! גערעכט געווען, ביילע מיינע, א גוטן זכות זאָל זי טראָגן, ווען זי פלעגט זאָגן „גאָלדן קעלבל"; איך ווייס ניט פון גאָר ניט, טאַקע נאָר א קעלבל! עס ליגט דאָך באמת ביי מיר אזוי פיל געלט! איז וואָס? דאָס וועט מען אמאָל אָפּנעמען, און יענע איז נדבות־געלט? ווער זשע ווייס? מסתמא איז ביי אלע גבירים אזוי!. . . און אויפגעלייגט פון דער נייעס, וואָס ער איז געוואָר געוואָרן, האָט ער מיט אַפּעטיט געגעסן וועטשערע און געלייגט זיך שלאָפן — אן עושר!. . .

## ה.

## ר' אַנטשל האָט חתונה געהאַט

ר' אַנטשל האָט צו מזל חתונה געהאַט, מיט דער שענסטער מיידל פון שטאָט. אין דער תחילה איז ער געווען זייער צופרידן. איין חסרון נאָר, וואָס זי רופט זיך מיט זייער א לאַנגן נאָמען: יע־לי־זא־ווע־טא, א גאַנצער „על חטא", צו אל־די־שווארץ־יאָר! ער האָט נאָך איינמאָל דעם נאָמען ניט ארויסגערעדט, ניט צו פארהיקן זיך. און צו וואָס דארף מען דאָס? ניט גלייכער בקיצור'דיקער: „יאַכנע" און שוין! פראָסטער און ריינער! נאָך איין חסרון געווען: זי האָט זיך איינגעשפּארט ניט אנדערש נאָר די שפּיץ באָרד אָפּשערן! „ווייסט זיי דער שווארצער פעפער, וואָס זיי האָבן נאָר שליטה צו די בערד! יענע, מיינע רייד זאָלן איר ניט שווער זיין, האָט אויסגעפליקט

איין עק באָרד — פּראַסט מיט די ידים; די האָט זיך פאַר־
גומען אויפ׳ן אַנדערן שפּיץ באָרד, אויף כלומר׳שט מיט אַ
שערל! אַן אומגליק נאַר! עס רייסט דאָס הארץ! וויפיל
יאָר די באָרד וואַקסט שוין!" ווייטער איז אַלעס געווען
אם בעסטן: עס האָט זיך אָנגעהויבן לעבן א מחיה׳דיק
לעבן. דער שווער האָט אים דעם נדן ניט גע׳סילוק׳ט,
וואָרום וואָס איז שייך סילוק׳ן? סיי ווי האָט דער שווער
בדעה נאָך דער חתונה מאַכן ביי אים אַ שטיקל הלואה,
טאָ צו וואָס זשע געבן און צוריקנעמען? ס׳איז דאָך אַן
איבריקע טרחה! נאָר וואָס קער זיך אָן נדן מיט לעבן?
לעבן האָט זיך געלעבט פיל בעסער, ווי מיט יענער. ר׳
אַנטשל זעט ערשט אַצינד, אַז אַן עושר איז א סך גרינ־
גער צו זיין, ווי אַן אָרעמאַן.

דאָס יונגע ווייבל מיט׳ן לאַנגן נאָמען איז פלוצלונג
ווי פארשטומט געוואָרן! זיצט רק מיט׳ן פנים צו דער
וואַנט! מיט איטלאַכן רעדט זי אַזוי פריינטלאַך, נאָר צו
אים קוקט זי עפּעס מיט פארמאַכטע אויגן. צו איז זי
ברוגז? נאָר וואָס איז שייך ברוגז? יענע, זאָל זיין אָפּגע־
שיידט, פלעגט אויך אַמאָל ברוגז ווערן. נו, פלעגט זי דען
שווייגן? פלעגט זי דען אַזוי קוקן? פארקערט, פלעגט אַ
סך ריידן! און מיט קיינעם ניט, נאָר מיט אים! און מיט
וואָס פאַר אַ פייעריקע אויגן זי פלעגט קוקן! אַך, עס
פלעגט זיין א מורא! נאָר דאָ איז פארקערט! מורא איז
ניטאָ וואָס צו האָבן, נאָר פאָרט, עס איז אפשר נאָך ער־

---

סילוקן: באַצאָלן.
א הלואה (האַלוואַע): אַן אַנליי, אַ געבאָרגטע סומע געלט.
טרחה (טירכע): מי. אַרבעט.

נער. . . עס איז סקוטשנע. . .

ביז דער סוד איז ארוים. זי האָט זיך איינגעשפּאַרט: זי האָט אַן אָרעמען קרוב, וויל זי, ער זאָל אים אָנשטעלן אלס געשעפטס־פירער ביי זיך.

צוליב וואָס מען מאַכט עס אָן אַזאַ רעש מיט אַזוי פיל חן'ן? פאַרוואונדערט זיך ר' אנטשל. כ'האָב גע־מיינט, זי וויל מיך קעפּן! ממה נפשך: בין איך טאַקע אָן עושר, אַזוי ווי זיי זאָגן, דאַרף איך דאָך טאַקע אַ מענטש! וואָרים וואָס איז שייך אָן עושר אָן אַ מענטש? אָן עושר אליין דאַרף האָבן אָן אנדערן — אַ מענטש ביי זיך!. . . איז דאָך באמת גלייכער איר קרוב איידער אַ פרעמדער.

און גאָדעל „דתן ואבירם" — מאַדאַם גאָלדענער'ס אַ קרוב, איז געוואָרן געשעפטס־פירער ביי ר' אַנטשל דעם גאָלדענעם. דאָס איז געווען אַ אידל, אַ קליינס, אַ פאַר־ריסענס, אַ דאַרס. מען פלעגט אויף אים זאָגן, אז ער דאַרט אויף ממה נפשך: הערט ער, אז עמעצער האָט פאַרדינט געלט, דאַרט ער פון האַרצווייטיק. הערט ער, ווידער, אז עמעצער האָט אָנגעוואָרן געלט, הערט ער אויף צו עסן פאַר גרויס שמחה, און דאַרט ווידער אמאָל. דעם טיטל „דתן ואבירם" האָט ער באַקומען, ווייל ער פלעגט זיך מישן אין אלע שטאָטישע אינטערעסן און אפילו אין אינ־טערעסן פון יחידים. נישט געטראָפן אין שטעטל איין איד זאל דעם אנדערן אין טאָטן אריין שילטן, און גאָדעל זאָל פון דער ערד ניט אויסוואַקסן אין דער מיט און אָננעמען זיך פאַר איינעם, כדי אָנצופאַלן אויפ'ן אנדערן. ניט געווען

---

סקוטשנע: אומעטיק. איינזאַם.
קעפּן: הרג'ענען דורך אפּהאַקן דעם קאָפּ.
ממה נפשך (מימאַנעפּשאַר): איינס פון די ביידע.

איין משפט ביים געדיכט, גאָדעל זאָל דאָרט קיין עדות ניט זיין. — איך קען קיין עולות ניט ליידן — פלעגט ער דערקלערן זיין ווייב, ווען זי פלעגט אים מוסר'ן, פאַרוואָס ער קריגט זיך מיט יעדן, און מאַכט זיך אומזיסטיקע שונאים. — איך קאָן ניט ליידן, אז איך זע אַן עולה, ניט ווייל איך האָב רחמנות אויפ'ן געריבטן, אויף יענעם איז אַ מצוה! לאָז ער ווייסן! נאָר פאַרוואָס קומט עס דעם רויבער, ער זאָל פאַרדינען!

א פייאיקער יונג דערצו איז ער אויך געווען. זיין פיי־איקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט פאַר־מאָגט אַ ווייב מיט אַ קאַרג טוצן קינדער. דאָס האָט אים פייאיק געמאַכט צו אַלעם. ער האָט אין אמת'ן געעפנט גוטע געשעפטן אויף זיין פרינציפּאַל'ס נאָמען; פאַרבונדן זיך אין האַנדל מיט אנדערע געשעפטס־פירערס, ווייל ר' אַנטשל'ס נאָמען האָט אַרויסגעוואַקסן פונ'ם שטעטל אין דער גאַנצער געגנט אַרום. עס האָט געקלונגען די וועלט מיט זיין רייכקייט און זיינע גרויסע צדקות. און מער ווי אַלץ—זיין פראַסטקייט: „פירט זיך קוים־קוים ווי אַ קליינער עושר" — האָט מען דערציילט אויף דער וועלט.

גאָדעל האָט אָפּגעהיט ר' אַנטשל'ס פאַרמעגן, ווי, להבדיל, א גוטער הונט. אויף „וואָס וויניקער צו געבן און וואָס מער צו נעמען" איז ער תמיד געווען אַ בריה. אַז יענעמס אומצופרידנקייט ברענגט דעם צווייטן ריוח — האָט ער פון לאַנג געוואוסט, און וואָס דאַרף דען יעדער קאַנטאָר מער, ווי די צוויי כללים? א) „וואָס וויניקער

---

עולות (אוולעס): אומרעכטן.
א בריה (בעריע): אַ פייאיקער.
ריוח (רעוואַד): פאַרדינסט.

געבן און וואָס מער נעמען", און ב) „יענעם ארויסלאָזן וואָס מער אומצופרידן?" גליקלאַכע געשעפטן האָט ר' אַנטשל געמאַכט. דאָס פאַרמעגן פונ׳ם שטעטל און פון אַלע אַרומיקע שטעטלאַך איז געלעגן אין גאָדעל׳ס הענט.

גאָדעל האָט אַפילו אַ טראַכט געטאָן ער זאָל פאַר־לייגן דעם פּרינציפּאַל, ער זאָל אַריבערפירן אַהער זיינע אוצרות וואָס ער האָט אויף דער גרויסער וועלט אונטער פאַרשידענע פירמעס. נאָר ער האָט זיך באַרעכנט, אַז דאָס קאַפּיטאַל וועט זיך נאָך מער פאַרגרעסערן, וועט מען דאָ אפשר דארפן נאָך מענטשן אין געשעפט!... וואָס זשע טויג אים נאָך אַ איד? נאָך אַ קוגל זאָל זיך דאָ דרייען ביי ר' אַנטשלען? גלייכער עס זאָל דאָרט ליגן און וואַקסן, דערווייל פילט זיך דאָ, ברוך השם, קיין מאָל קיין מאַנגל אין געלט.

און סוחרים האָבן אָנגעהויבן אריינקומען צו ר' אַנטשלען אים שואל בעצה זיין. און אַמאָל פאַרלאָזן זיך אויף אים אין סכסוכים; אז מען פלעגט ארויסגיין, פלעגט מען זיך ברעכן דעם קאָפּ צו געפינען דעם געדאַנק, די טיפע חכמה, וואָס ליגט אין זיין ענטפער: „ר' אנטשל דער „גאָלדענער", פלעגט מען דערציילן אין שטאָט, רעדט קורץ און טיפזיניק. עס ווייזט זיך דיר אויס, ער ענטפערט דיר ניט צו דער זאַך... עפּעס ווי אַ רעטעניש... אַמאָל ממש בטלנות... דו דאַרפסט דיר גוט ברעכן דעם

---

שואל בעצה (שויעל באייצע) זיין: זיך אַז עצה האלטן. פרעגן אַ מיינונג.

סכסוך: אַ קריג. אַ מיינונגס פאַרשידענקייט.

ממש (מאַמעש): איינפאַך.

בטלנות (באַטלאָנעס): נאַרעשקייט. די רייד פון איינעם, וואָס פאַרשטייט ניט די זאַך. וואָס רעדט ניט צום ענין.

קאָפּ ביז דו געפינסט די טיפע כונה פון די געציילטע ווערטער!...

און אז מען האָט זיך געבראָכן דעם קאָפּ האָט מען געפונען...

ר׳ אנטשל׳ס נאָמען האָט זיך צעוואקסן אויף דער וועלט, ביז עס האָט שוין ניט געקלעקט קיין אָרט; ער האָט זיך אָרויפגעוואקסן אויף אַלע בלעטער. קאָרעספּאָנדענטן האָבן זיך מיט אים שטאַרק אָפּגעגעבן, איבערגעציילט זיין קאַפּיטאַל, און באַשריבן זיינע „פּרינציפּן און שטרעמונגען", זיינע הויכע אידייען, אין וועלכע, ווי געווינלאך, צוויי קאָרעספּאָנדענטן זיינען זיך קיינמאָל ניט צונויפגעקומען.

אַמאָל האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ אידיש בלאַט צו ר׳ אנטשלען אין דער האַנט אריין. דאָס איז געווען על פּי השגחה, ווייל עס איז דאָך ניט קיין דרך הטבע אַ אידישער גביר זאָל זיך קאָנען אָנקערן מיט אַ אידיש בלאַט, און עס האָט אַ שיין געטאָן פאַר זיינע אויגן זיין אייגענע צורה.

אַ ממזר־קאָפּ! פאַר׳חידוש׳ט ער זיך: אזוי געזונט מיך אויסגעמאָלט! אַפילו די אויגן מיטן שראָם! גרויסע קעפּ פאַראַנען אויף דער וועלט, און ער לייענט דאָרט

---

בלעטער: צייטונגען.
על פּי השגחה (אַל פּי האַשגאָכע): לויט אַ געטלאכן פּלאַן אָדער באַשטימונג.
דרך הטבע (דערעך האַטעווע): נאַטירלאכער וועג. אַ געווינלאכע זאַך.
צורה: געזיכט. פּנים. צורה ווערט מייסטענס באַנוצט מיט אַ געוויסער מאָס שפּאָט.

וואָס ס'איז אָנגעשריבן וועגן אים.

— „זיינע צדקות זיינען אין לשער! און אלץ אויף מתן בסתר! קיין גברא ווייסט ניט ווען און וועמען ער גיט! און באַנוגנט זיך ניט דערמיט וואָס ער אַליין גיט, ער רייסט די הויט ביי די קליינע גבירים'לאַך, וואָס רייבן זיך ארום אים! ביי יעדן מאָל, וואָס ווער פון זיי קומט צו אים אריין, מוז ער לאָזן א נדבה, היינט — זיין חכמה איז גאָר ניט צום באַשרייבן! זיין באַלעזנקייט, זיין געזונטער שכל!"

ר' אַנטשל קוקט זיך אַרום און זיין פּנים שיינט פאַר שמחה. — דאָס האָב איך ניט אָנגעהויבן צו וויסן, — פאַר־וואונדערט ער זיך: פאַר קיין נאַר האָב איך זיך קיינמאָל ניט געהאַלטן; כאָטש זי, זאָל א גוטן זכות טראָגן, פלעגט דרינגען מיט אותות ומופתים, אז איך בין אַ „גאָלדן קעלבל", מיינע רייד זאָלן איר ניט צו שווער זיין, זי איז געווען אַ האפּעריקע. פון כעס האָט זי געזאָגט, וואָס נאַר ס'איז איר אַריינגעקומען אין מויל! — נאַר אַז איך בין אַ חכם און א געלערנטער, האָב איך ניט אָנגעהויבן צו וויסן. די וועלט, אַפּנים, איז תופס אַ מענטשן בעסער, ווי דער מענטש זיך אַליין. דארויף איז עס אַ וועלט — ניט קיין יחיד!

---

אין לשער (איין לשאַער): נישט צו אָפּמעסטן, נישט פאַר־צושטעלן זיך.

מתן בסתר (מאַטן בסייסער): באַהאַלטענע גאַב. ווען מען גיט נדבות קיינער זאָל דערפון נישט וויסן. מתן בסתר איז ביי אידן פאררעכנט פאר א סך חשוב'ער ווי געבן אלע זאָלן וויסן — בפרהסיא.

גברא (גאַוורע): אַ מענטש.

האָפּערדיק: געוואגט, שטאָלץ, חוצפה'דיק.

תופס: באַנעמען, באַגרייפן.

און גאָדעל'ס עצה האָט גאָר ניט געהאָלפן: ר' אַנטשל'ס געשעפטן זיינען געוואַקסן וואָס גרעסער און גרעסער. מען האָט געמוזט נייע מענטשן אריינשטעלן אין נייע געשעפטן, וועלכע האָבן זיך געמוזט עפענען. און מענטשן — וואָס ווילן דען? מענטשן ווילן, אַז דאָס געשעפט, ביי וועלכן זיי דינען, זאָל מצליח זיין, זאָל קיינמאָל ח"ו ניט אומפאלן! וואָרום דאָס געשעפט זאָל ח"ו פאלן, ווערן זיי די ערשטע געבראָכן פון פרנסה! אַ קלייניקייט פרנסה פאר אַ איד פון ווייב און קינדער! דאריבער זיינען מענטשן אָפטמאָל געטרייער די געשעפטן, ווי דער בעל הבית אליין, ווייל זיי זיינען מער איינגעשטעלט פונ'ם בעל הבית. דער בעל הבית ווערט דאָ אָן געלט, און זיי — פרנסה. דער בעל-הבית ווערט נזוק — זיי ווערן געבראָכן! ר' אנטשל'ס געשעפטן האָבן זיך אויך דערפאַר גוט געהיט, און זיינען שטאַרק געוואַקסן — ניט אַזוי אין כח אריין, ווי אין דער אַרבעט. זיינע וועקסלען האָבן אָנגעשפּאַרט אומעטום. דאָך האָט ר' אנטשל זיך געפירט מיט נדבות, ווי ער האָט זיך תמיד געפירט: אַלץ גענומען ביי יעדן אַ נדבה, און יענע געלט, וואָס אין קאַסע, האָט ער ניט אַזוי שטאַרק ליב געהאַט. יענע איז דאָך אַלץ אַזעלכע, וואָס מען דאַרף אַמאָל אָפּגעבן, נדבה-געלט איז לויטער מיינס, טרייסט ער זיך נאָך היינט אויך, און דאָס געלט פלעגט ער טאָקע האַלטן ביי זיך.

נאָך מער ווי דאָס פארמעגן איז געוואַקסן זיין חכמה און זיין געבילדעטקייט; זיינע ווערטלאך זיינען געוועזן

---

ח"ו (כאַס ווּשאַלעם): גאָט זאָל אָפּהיטן.
נזוק: געשעדיקט. ליידן פארלוסט.

עובר לסוחר; פלעגט רופן יעדע זאַך מיט זיין נאָמען — נאָר ווי א פּאָעט; צווישן די עליות, א שטייגער, האָט „מפטיר“ געהאַט אַ נאָמען „קאָדע שמאַלץ“, שישי און שלישי — אַ „גוטע וועטשערע“, די איבעריגע עליות — „לונג און לעבער“. אין יענעם שטעטל רופט מען נאָך היינט אויך די עליות מיט יענע נעמען. היינט זשע א מבינות אויף אתרוגים ער האָט באַקומען! און אויף טליתים. היינט אויף צירונג און רויכווארג. בקיצור, ער האָט געלעבט א גוטן טאָג.

אַמאָל שטייט ער ביי זיין פענצטערל און גענעצט. פלוצלונג הערט ער עפּעס אַ רויש ביי דער טיר. דאָרט האָט זיך געריסן אַן אָרעמאַן אריינצוגיין, און מען האָט אים ניט אריינגעלאָזט. ער האָט זיך דערמאָנט אַן זיינע אלטע חברים און האָט זיך פאַרבענקט נאָך זיי. כאָטש עטלאַכע ווערטער וואָלט ער וועלן ריידן מיט אַן אָרעמאַן! כאָטש ווייזן יענעם וואָס פאַר א גליק ער האָט צו קבצנות! ער האָט געהייסן צולאָזן דעם אָרעמאַן. ער האָט אים אריינ־

---

עובר לסוחר (אויוועך לאַסויכער): גאַנגבאַר, וואָס אַלע נעמען אָן.

עליות (אַליעס): אין שול ווערט יעדן שבת און יום טוב, מאָנטיק און דאָנערשטיק געלייענט א טייל פון דער תורה. יעדער טייל, וואָס הייסט סדרה, איז איינגעטיילט אין זיבן קלענערע טייל, פּרשיות. צו יעדער פּרשה, וואָס מען לייענט, רופט מען אויף אַן אַנדערן. דאָס גערופן ווערן הייסט קריגן אַן עליה, ארויפ־גאַנג. ווייל די תורה ווערט געלייענט אויף דער בימה און דער גערופענער דאַרף ארויפגיין.

מפטיר (מאַפטער): שלוס. די לעצטע עליה שבת און יום טוב, מיט וועלכער מען שליסט דאָס לייענען. מפטיר רעכנט זיך פאַר אַ חשוב'ער עליה, ווייל דער גערופענער דאַרף נאָכדעם לייענען די הפטורה, אַ קאַפּיטל פון די נביאים.

רויכווארג: פּוטער.

קבצנות (קאַבצאַנעס): אָרעמקייט.

גענומען צו זיך אין צימער אריין. יענער האָט זיך איינ־געקאָרטשעט מיט גרויס דרך ארץ, קוים וואָס די אויגן אויפגעהויבן. . . „ניט צו אַייך דאַרף איך", רעדט ער קוים וואָס מען הערט, — „איך דארף צו „אנטשל דעם גאָל־דענעם קעלבל".

— נו, דאָס בין איך דאָך! — ענטפערט ר׳ אנטשל.

— ניין, ס׳קען ניט זיין! יענער איז אנדערש! יענער קוקט קאָסע, און איר קוקט אזוי שאַרף!. . . יענער האָט געהאַט אַ שראַם איבער׳ן פנים, און איר. . . האָט אַ מזל־קנייטש איבער דער באַק. . . זיי קוקן זיך פאַנאַנדער אין די פנים׳ער און דערקאָנען זיך.

— אי, קרומער, וואָס טוסטו?

— זע נאָר, טאַקע באמת אנטשעלע! וואָס טוסטו, אַנטשעלע?

— אָט וואָס איך טו! האָב זיך מישב געווען, גע־פרואווט בייטן די פרנסה, געוואָרן אַ עושר, און האָב גאָר ניט שלעכט געמאַכט. איך ראַט דיך אויך, קרומער! וואָס טויג דיר קבצנות? גלויב מיר! אַ עושר איז אַ סך גרינגער צו זיין!

— דיר איז עס גרינג אָנגעקומען — ענטפערט יע־נער — נאָר ווייסטו פאַרוואָס? דאָס בין איך שולדיק אין דעם! איך האָב זיך גאָר אזוי וויַיט ניט מתכון געווען! מיר האָט זיך פארגלוסט אויסצושיטן מיין קעסטל ליגענס פאר א בעל הבית, וואו כ׳האָב געגעסן שבת, אָנדערציילט אים פון ר׳ אנטשל דעם גאָלדענעם, און אז יענער האָט זיך

---

קאָסע : קרום.

מתכוון (מיסקאוון) געווען : געהאַט די כונה, די אבזיכט. אויסן געווען.

געפרעגט אויף סימנים, ווי אַזוי דערקאַנט מען דעם ר׳ אַנטשלען, איז מיר פלוצלונג איינגעפאלן צו געבן דיינע סימנים.

— אַזוי גאָר?!. . . לאַכט ר׳ אַנטשל. — נו, אצינד ווייסטו זיי אויסזאָגן דעם אמת?

— ווער וועט מיר דען אצינד גלויבן? שוטה! ס׳איז פארפאלן, פגר׳סט אַן עושר! אפילו דו וועסט דעם אמת דערציילן, וועט מען דיר אויך ניט גלויבן!

— מיר אפשר ניט, אָבער דיר! אַז מ׳האָט דעמאָלט געגלויבט איז דאָך אַ קל־וחומר, אַז מ׳וועט דיר איצט גלויבן.

— ניין, פשוט: ראשית, ווייל אַ ליגן גלויבט זיך גיכער ווי אַן אמת; אַ ליגן איז תמיד שענער, ווי אַן אמת — הערט מען אים בעסער, און דערפאר גלויבט מען אים גיכער. שנית, האָבן מענטשן אַ גרויסן אינטערעס, זאָלסט דווקא זיין אַן עושר. זיי דאַרפן ניט דיין געלט, וועלכעס דו פארמאָגסט באמת ניט, זיי דארפן דיך. אין זכות פון דיין נאָמען פרעסן זיי „אָנבייסן מיט וועטשערע“, מאַכן חתונה קינדער, און האַלטן אַרום זיך מענטשן. איצט וועסטו זיי פלוצלונג גאָר דערציילן, אַז דו ביזט גאָר „אַנטשל קעלבל!“ זיי וואָלטן דיך דער׳הרג׳עט, און וואָלטן גערעכט געווען. וואָרום פארוואָס ווילסטו זיי אלע דער׳הרג׳ענען?

---

קל וחומר (קאַל וואַכוימער): אַן אופן פון אַפלערנען פון איין זאַך אויף דער אנדערער. פון אַ לייכטן פאַל אויף אַ שווערן, וואָס ווערט אָנגעווענדט אין תלמוד. מען קען לערנען פון דעם, וואָס זיי האָבן אים פריער געגלויבט, ווען ער האָט געזאָגט, אַז אַנטשל איז רייך, אַז זיי וועלן אים איצט אודאי גלויבן ווען ער וועט זאָגן, אַז ער האָט זיי אָפּגענאַרט.

— טאַקע גערעכט! ס׳איז אַ רחמנות אויף זיי! היינט פּאַסט פאַר מיר ניט, איך זאָל אויסזאָגן, מחמת איך בין אַ חכם (דו ווייסט, איך בין געוואָרן די לעצטע צייט אַ חכם, אַלע בלעטער שרייבן עס?) נו, טוט דען אַ חכם אַזוי?

— יאָ, חכם מיינער! וואָס זשע וועסטו מיר כאָטש געבן דערפאַר?

— וואָס זאָל איך דיר געבן? אפשר ווילסטו, קאָן איך זען, מען זאָל דיך אַריינגעמען פאַר אַ מענטש אין מיינע געשעפטן!

— משוגע בין איך דען? אַלס מענטש וועל איך דאָך דאַרפן עפּעס טאָן! וואָס קאָן איך דען ניט באַשטיין דיינע מענטשן זאָלן טאָן, און איך זאָל ביי זיי עסן אַ פאַרטיקן אָנבייסן?

— נו, קאָן איך דיך פאַרזאָרגן אַלע שבת מיט אַ גוטער עליה!

— אַ חכם, אַ חכם, און פאַרט אַ קעלבל! די גוטע עליה איז נאָר דערפאַר גוט, ווייל גבירים האָבן זי פאַר־כאַפּט! אַז דו וועסט אָנהויבן רופן קבצנים צו דער עליה, וועט זי וואָלוול ווערן!

— —וואָס זשע דען זאָל איך דיר געבן?

— אָט, סיי ווי האָסטו קיין קינדער ניט! מאַך מיך פאַר דיין יורש!

— וואָס זשע? האָסטו דען בדעה מער פון מיר צו לעבן?

— אודאי! פשוט, מחמת דיך באַהאַנדלען דאָקטוירים, און מיך ניט!

— און איך האָב גערעכנט, פאַרקערט. כ'האָב דיר אפילו געוואָלט צוזאָגן צו זאָגן משניות נאָך דיר! ווייסט, אַז איך קען שוין משניות? אַזוי פון זיך... כ'ווייס ניט פון וועמען, פון וואָס — נאָר איך קאָן!

די אַלטע צוויי גוטע ברידער האָבן זיך אָנגערעדט, אָנגעשמועסט ביז זיי האָבן זיך צעשיידט.

ר' אַנטשל האָט קיין סך נאָך דעם טאָקע ניט מאריך ימים געווען, אַ חכם, און האָט זיך פאַרט באַנאַרעשט: גע-נומען און געשטאָרבן. נאָכ'ן טויט האָט מען געפונען אַ צוואה, אַז דער איינציקער יורש פון זיין פאַרמעגן איז אַ קרומער אָרעמאַן, וועמעס נאָמען ער ווייסט ניט, ווייל מען פלעגט אים אַנדערש ניט רופן — ווי „קרומער", נאָר כדי עס זאָל קיין אַנדער קרומער ניט קומען אויסנאַרן די ירושה, גיט ער אָן אויף אים סימנים: ער איז אַ גרוי-סער „ליגנער": על כן, ווען אַ קרומער וועט קומען, זאָל מען אים פאַרהערן אין ליגן זאָגן, ווער פון זיי ס'וועט זאָגן אַ גרעסערן ליגן, זאָל בלייבן יורש. און שטאָט-לייט האָבן געפאָלגט „צוואת-המת"; געלאָזט אויסרופן אין אַלע בתי מדרשים און שולן, אַז בכן, ווער עס איז געלייטזעליקט פון גאָט ב"ה, און איז אי אַ קרומער, אי אַ ליגנער, זאָל ער

---

משניות (מישנאַיעס): אַ טייל פון תלמוד, וואָס דערקלערט דעם זין פון די דינים אין דער תורה. אידן האַלטן די משנה פאַר זייער הייליק און ס'איז אַ מנהג אַ גאַנץ יאָר נאָכ'ן טויט פון אַן אייגענעם, אָדער אַזוי אַ חשוב'ען מענטשן, צו לערנען אַלע טאָג אַ פּאָר קאַפּיטלען משניות, און נאָכדעם זאָגן קדיש.

צוואה (צאַוואַע): אַן אָנזאָג פון פאַרשטאָרבענעם.

על כן (אַל קיין): דעריבער.

ב"ה — ברוך הוא (באָרוך הו): געבענטשט זאָל ער זיין.

קומען צו דער פּראָבע. עס האָט זיך באַלד צונויפגעקליבן א מחנה פון קרומע, טייל געבוירענע, אמת־קרומע, טייל געמאַכטע, די זאַך איז ניט צוגעגאַנגען אָן קריגערייַ. די געמאַכטע קרומע זיינען אָנגעפאלן אויף די אמת־קרומע און יענע האָבן אויך ניט געשוויגן: „דו, גנב, דו ממזר! — שרייט, נעבאַך, א קרומער פונ׳ם הארצן אַרויס. — וואָס מאַכסטו זיך פאַר קרום?! איך האָב דאָך דיך ערשט נעכטן געזען טאַנצן מיט מיידלאַך אויף א פאָרשפּיל!“

— א רוח אין דיין טאַטן! — ענטפערט אים יענער: טאַקע דערפאַר טאַנץ איך דאָך, ווייל איך בין קרום. מיר איז גרינגער צו טאַנצן ווי גלייך צו גיין!

אין יענעם טאָג, אז מוטערס האָבן ארויסגעלאָזט די קינדער אויף דער גאַס, האָבן זיי אָנגעזאָגט: „קינדערלאַך, הינקט צו אביסל! אז מען וועט אייך פרעגן, זאָלט איר זאָגן: „מיר זיינען קרומע“; אז מען וועט אייך פרעגן: „ס׳איז טאָג?“ זאָלט איר זאָגן „נאַכט“; — „די טאַטע־מאַמע לעבן?“ זאָלט איר זאָגן „געשטאָרבן“.

וואָס האָט מען נעבאַך, צו יענע מאַמעס? זיי האָבן געהאָפט אפשר וועלן זייערע קינדער ווערן יורשים! האָפן פאַר געמיינע לייט איז א גוטע זאַך, און קאָסט דערצו קיין געלט ניט.

און אידן פון דער קלויז, און אידן אויף דער גאַס זיי־נען געגאַנגען און געהונקען. דאָס גאַנצע שטעטל האָט פלוצ־

לונג אָנגעהויבן צו הינקען ! אפילו דער דאָקטאָר און, להבדיל, דער דין, האָבן אויך אָנגעהויבן הינקען. און ביידע האָבן זיך געלאָזט גיין איינער צום אנדערן, און האָבן זיך באַגעגנט אויפ'ן וועג. דער דין איז געגאַנגען בעטן דעם דאָקטאָר אַ רפואה צום לינקן פוס, וואָס איז פלוצלונג קרום געוואָרן. . . און דער דאָקטאָר איז געגאַנגען פרעגן דעם דין, אויב הינקען טאָר מען אויך ניט מער ווי אַ תחום שבת.

נאָר ניט אין הינקען אליין איז געווען געווענדט ! דער עיקר איז אַ ליגן זאָגן. די אפיטרופסים האָבן אָנגהויבן רופן די קרומע איינציקווייז. עס האָבן זיך אָנגעהויבן די ליגן : איינער האָט דערציילט, אז ער האָט געזען אַ פּאָר פּאָלק איז זיך געגאַנגען גט'ן צום רב, ווייל איר פּאָטער האָט אַ גאַנצן הונדערטער פונ'ם נדן אָפּגעריסן, האָט דער רב געפרעגט : „וויפיל ווילט איר מיר געבן פאר'ן גט ?“ — „פינף און צוואַנציק קערבלאַך“, — ענטפערט דער גרוש. דער רב האָט קיין סך ניט געטראַכט, ארויסגענומען פינף און זיבעציק רובל און געגעבן דעם יונגן מאַן : „נאַ, — זאָגט ער, — מיט'ן פינף און צוואַנציקער, וואָס דער גט דאַרף קאָסטן, האָסטו שוין אַ הונדערטער נדן, און לאָז

---

דין (דאַיען) : פון דעם וואָרט דין־געזעץ. איינער, וואָס משפּט. דער דין איז אַ פרומער, דער דאָקטאָר, געוויינלאַך, אַ פרייער. ביידע אָנגעזעענע מענטשן, וואָס טוען געוויינלאַך ניט די זעלבע זאַכן.

תחום שבת : אַ שטרעקע, וואָס מען מעג גיין אום שבת.

אפיטרופסים : די פאָרטרעטער פון פאַרשטאָרבענעם.

גרוש (גאַרעש) : דער מאַן, וואָס גט זיין ווייב.

דער מזבח ניט ווײַנען אויף מײַן קאָפּ“.

דער עולם האָט אַ שמייכל געטאָן: „נישקשה פון אַ ליגן, נאָר לאָמיר הערן אנדערע!“

איינער האָט דערציילט: ער האָט געזען צוויי מלמדים שטײַן איבער אײַן בעל הבית און קריגן זיך. דער שרײַט: „גיט אייער קינד אים אין חדר — ניט מיר! ער קאָן בעסער פאר מיר!“ און יענער האָט געשריען: „גלויבט אים ניט, דעם גנב, דעם שקרן! גיט אים אייער קינד! איך פארמאָג ניט אין קאָפּ, וואָס ער אין נאָגל!“ און אז בעלי־בתים האָבן געהערט זייער ערלאכקייט, האָבן זיי געכאַפּט און אָפּגעגעבן דעם פּאָרל אלע אָפּגעריסענע און ניט באַצאָלטע שכר לימוד׳ן. די צוויי מלמדים זײַנען געוואָרן גבירים אין יענעם טאָג“.

ד ע ר ע ו ל ם האָט פּאַרקרימט די נעזער: „אַ מלמד׳עשער ליגן! דערצו, וואָס דאַרף ער נאָך ארײַנמישן בעלי בתים אין דעם?!“ אַ סך זײַנען טאַקע גוט ברוגז געוואָרן. איינער האָט דערציילט: ער האָט געזען אַ אידישן סופר, וואָס לאחר מותו האָט מען אים באַגראָבן

---

מזבח (מיזבייאַד): אַלטאַר. אידן גלויבן, אז מאַן און ווייב זײַנען פון גאָט באַשטימט. צעשיידן מאַן און ווייב איז דאַריבער אַ גרויסע עבירה, און ווען אַ פּאַר פּאָלק, וואָס גאָט האָט צוזאַמענגעבראַכט, שיידן זיך, איז גאָט׳ס ארבעט חרוב געוואָרן און דער מזבח ווײַנט דאַרויף.

סופר (סויפער): שרײַבער. ווערט באַנוצט פאַר איינעם, וואָס שרײַבט ספרי תורה, תפילין און מזוזות.

אין אייגענע תכריכים. איינער דערציילט: ער האָט גע־קאָנט אַ בעל־עיסקא, וואָס האָט פאר'ן טויט געשיקט רופן זיינע קליענטן און האָט יעדן אָפּגעגעבן, וואָס ער האָט ביי זיי גענומען איבעריקס. איין חסרון איז נאָר געווען, וואָס דאָס פארמעגן האָט ניט געקלעקט. איינער דערציילט: ער האָט געזען אַן ערלאכן קאָמיסיאָנער. איינער דערציילט: ער האָט געזען אַ יונג ווייבל, וואָס האָט פיינט געהאַט צירונג מיט פוצונג. הכלל, ליגן, שקרים, וכזבים האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן, ביז צו ענדע האָט זיך דורכגע־שטופּט אַ קרומער, אַן אמת־קרומער, אַ כל מום־רע.

עס איז געוואָרן שטיל. עפּעס פילט יעדער, אַז דער קרומער וועט זאָגן אַן אמת'ן ליגן: „רבותי — הויבט ער אָן — הערט! איר זאָלט וויסן, אַז ר' אַנטשל דער גאָלדענער, עליו השלום, איז אַ גרויסער קבצן, אַ ווילדער דלות'ניק געווען, און נאָרעש איז ער געווען ווי אַ קאַלב! ניין, ווי אַן ערלאכער איד!"

עס האָט זיך ארויסגעריסן אַ לאכן פון הונדערטער מיילער: — בראַוואָ, בראַוואָ! אָט דאָס הייסט אַ ליגן! קיין גרעסערער פון דעם ליגן קאָן שוין ניט זיין! ער איז יורש!

דער קרומער איז געבליבן יורש!

נאָר אַז מען האָט גערופן די בוכהאַלטערס און מען האָט געעפנט די גרויסע ביכער, האָט מען געזען, אַז דאָס

---

בעל עיסקא: אַ פּראָצענטניק.

כל מום־רע (קאָל מום רא): אַלעס, וואָס האָט אַ פעלער, איז שלעכט. אַ קאַליקע איז פּייאיק צו טאָן שלעכטס.

פארמעגן, וואָס איז געבליבן, טראָגט קוים־קוים די חובות צו באַצאָלן, מיט גאָר אַ קנאַפּער עיסקא. עס איז נאָך געבליבן עפּעס אַ בינטל געלט פון אָפּגעריבענע מטבעות, און דאָס, ווייזט אויס, איז געווען נדבה־געלט. דער קרומער איז געוואָרן יורש פון דעם בינטל. דער עולם האָט זיך אָנגעהויבן פארשעמט און פארוואונדערט אָפּצורוקן. נאָר דער קרומער האָט זיי אָפּגעשטעלט: „רבותי! — זאָגט ער, — אז עס איז שוין געקומען דערצו, אז אַ ליגן צאָלט זיך אזוי טייער, באַצאָלט זשע מיר פאר מיין ליגן!“

— פאַר וועלכן ליגן? דו ביזט דאָך שוין באַלוינט! ביזט דער יורש פונ׳ם בינטל נדבות!

— ניין! פאר אַן אלטן ליגן. די נדבות, זעט איר, קומען מיר סיי־ווי, ווייל זיי זיינען שוין ביי מיר אין דער האַנט. נאָר אַ ליגן האָב איך אייך שוין געזאָגט גאנץ לאנג.

דער קרומער האָט זיי דערציילט די מעשה פון אָנהויב.

דער עולם האָט זיך איבערגעקוקט פארוואונדערט. זיי האָבן עטלאכע מינוט געשוויגן. ווייזט אויס, זיי האָבן זיך געוואָלט איבערצייגן, צו דער קרומער נאַרט זיי ניט אָפּ. און אז זיי האָבן זיך גוט איבערצייגט, אז דער קרומער נאַרט זיי איצט ניט אָפּ — האָבן זיי אלע מיט איין קול אַרויסגערעדט: „שקרן! וועמען דערציילסטו?! וואָס דערציילסטו?! וואָס זשע? ביזט שוין קליגער פון אַ גאַנצער שטאָט?!“

— ניין, חברה! ס׳ווייזט אויס אַ משוגענער! איר זעט ניט?! טרייבט אים ארויס!

— אַ משוגענער, בנאמנות, אַ משוגענער!...

## פראגן

וואס איז דער אונטערשייד צווישן הומאר און סאטירע? וועלכע פון די צוויי עלעמענטן איז דער שטאר־קערער אין דער דערציילונג? פון וואס לאכט שטיינבערג אפ? וואס זיינען די מעלות פון דער דערציילונג א חוץ הומאר און סאטירע? איז אין איר וויכטיק בלויז די מעשה אדער אויך די מענטשן? ווי זיינען די פארשידענע מענטשן כאראקטערי־זירט? איז די סאטירע ארויסגעבראכט בלויז דורך דער מעשה אדער אויך דורך שפראך און סטיל?

# נאָך דער חתונה

דעם ערשטן שבת נאָך דער חתונה איז שיינדעלע געגאַנגען מיט דער מוטער אין שול אריין, און האָט זיך שוין דעם ערשטן שבת ניט אויפגעפירט ווי א לייטעש ווייבל דאַרף זיך אויפפירן.

די מוטער טרעט איר אַלץ אָן אויפ׳ן פוס: פּע, רוימט זי איר איין, א יונג ווייבל נאָך א חתונה, — וואָס איז אויף דיר פאַר א לאַכענעש? איטלאַכער קוקט דיר נאָך!"

נאָר שיינדעלע בייסט זיך די צונג, — זי וויל נישט לאַכן, זי קאָן זיך אָבער פאָרט ניט איינהאַלטן.

כאַפּט זי א קוק אַהין צו די מאַנסבילן — זעט זי דאָרט אַזוי פיל אידן מיט יאַרמעלקעס אויף די קעפּ... געוויקעלט אין טליתים... שוואַרץ־ווייס... מען שאָקלט זיך, מען מאַכט משונה׳דיקע העויות — זי שיסט אויס אין א געלעכטער.

קוקט זי זיך אַרום צווישן די ווייבער, זעט זי אַלטע געקאָרטשעטע ווייבער מיט ברילן אויף די נעזער:

---

משונה׳דיקע העויות (האַוואַיעס): מאָדנע, נישט געוויינ־לאַכע מינעס, גרימאַסן און באַוועגונגען.

„ווי מיאוס זיי זיינען, צו וואָס לעבן זיי נאָך — די אַלטע ווייבער — אויף דער וועלט?“

דערזעט זי דאָרט אַנטקעגן, אַ רביצין פעסטעט זיך, קנייטשט דעם פּנים, — עס קיצלט אין האַלז, זי מוז לאַכן!

ביי איינער גליטשן זיך די טרערן פון די אויגן, רינען... פאַרהאַלטן זיך אין די קנייטשן, גייען איבער, אָט־אָט פאַלן זיי גלייך אין מויל אריין!

„אַ רחמנות אויף יענער — טראַכט שיינדעלע אַ טרויעריקן געדאַנק, כדי ווייך צו מאַכן דאָס האַרץ, און אָפּשטופן פון זיך דעם חשק צו לאַכן — אַ גרויסן ווייטיק מוז יענע האָבן, אַז זי וויינט אַזוי“.

זי בלייבט אויף אַ ווײַלע פאַראינטערעסירט. דער שמייכל ווערט פאַרקילט אויפ׳ן פּנים.

די טרערן גליטשן זיך ביי יענער. פאַלן, פאַלן... עס פאַלט אַ טרער אויף דער אונטערשטער פאַרקרימטער ליפּ.

שיינדעלע האַלט ניט אויס. זי שיסט אַרויס אַ גע־לעכטער. ווייבער קוקן זיך אַרום; די מוטער וואַרפט אויף איר בייזע בליקן.

זוכט שיינדעלע ערגעץ, וואוהין אַוועקצוקוקן, אַבי נאָר די משונה׳דיקע ווייבער ניט צו זען. זי וואַרפט אַן אויג דורך דעם אָפענעם פענצטערל, ווידער אַהין, צו די מאַנסבילן.

ווידער זעט זי דאָרט אידן, אַ סך: אַלטע, יונגע, צווישן אַלע שיינט „ער“ אַרויס... יונג, בלוט און מילך.

די קרויזן, ווי קאָן מען זיי רופן: שוואַרץ אָדער קאַש־טאַנאָווע?...

אויגעלאך.. זיי רוען ניט אויף איין אָרט.. אַט די ברענענדיקע אויגעלאך האָט זי אין דערהיים נאָך קיין צייט ניט געהאַט צו באַטראַכטן. . . אז ער וואַרפט אויף איר אַ בליק, בויערט ער אין האַרץ. זי קאָן זיין בליק ניט אויסהאַלטן. ווען זי איז אַ כלה געוואָרן איז אויך דאָס זעלבע געווען... שטענדיק האָט זי געפילט — ער קוקט אויף איר, דעם קאָפּ האָט זי ניט געקאָנט אויפהויבן.

דאָ אין שול קאָן זי אים גוט באַטראַכטן. אַלעס פּאַסט אים אַזוי! עס זינגט אַראָפּ פון אים, נאָר דאָס בערדל וואַקסט אים צו פרי. נישקשה, ס׳ וועט עס אים אויסצופן... „ציפּ־ציפּ“.

עס פאַלט אויף איר אָן אַ געלעכטער.

עס דאַכט זיך איר.. זיי זיצן ביידע ביי זיך אין „צימערל“... ער שפּאַרט אָן דעם קאָפּ ביי איר אויפ׳ן אַקסל.. זי ציפּט דאָס בערדל — „ציפּ־ציפּ“... ער כאַפּט זי פאַר דער האַנט, פאַר׳ן האַלז... עס קלינגט אַ קוש..

זי האַלט ניט אויס, זי וויל לאַכן! פע! — וואַרפט זי זיך פאָר.. אין אַ מקום־קדוש — אַזעלכע געדאַנקען?!

זי קערט אָפּ אירע בליקן פון „אים“, נאָר זי ווייסט, אַז דאָרט אין מזרח זעט „ער“ זיך אַרום פון צווישן אַלע און דאָס האַרץ קוועלט אין איר, זי פאַרקוקט זיך אויף די מאַלערייען, וואָס זיינען אויפ׳ן סופיט פון דער שול.

פויגעלאך, אָדלערס, שלענג, בוימעלאך, קעסטעלאך, פּאַסיקלאך, אַט דאָס זעט אויס ווי אַ נאָז מיט צוויי אויגן, אָן אַ פּנים.

---

קאַשטאַנאָווע: טונקל ברויז.

עס פֿאַלט אויף איר ווידער אָן אַ געלעכטער.
אומגליקלעך איז זי היינט. וואָס וויל פֿון איר האָבן דער נאַר אירער?
זי קערט זיך אָפּ פֿון דעם סופֿיט און באַגעגנט זיך ווידער מיט „זיינע“ בליקן.
דאַכט זיך איר... ער זעט זי. ער שמייכעלט צו איר!
דאָס האַרץ הויבט זיך. זי קאָן זיך שוין נים איינהאַלטן.
עס זעצט ארויס אַן איינגעהאַלטן לאַכן. ווייבער קוקן זיך אום. די פּאַרוויינטע רביצין קנייטשט דעם שטערן.. „אי-נו“! מאַכט זי אויף איר מיט'ן פֿינגער.
שיינדעלע ווערט רויט. לאָזט אַראָפּ די אויגן. זי האָט שוין מורא זיי אויפֿצוהויבן.. טאָמער וועט זי ווידער עפּעס לאַכעדיקס דערזען.
גייענדיק אַהיים פֿון דער שול, מוסר'ט זי די מוטער: „שעמען זאָלסטו זיך, דו נאַרעשע, ווילדע ציג! וואָס איז רק לאַכן און לאַכן“! און זי שעמט זיך טאַקע; נאָר וואָס איז זי שולדיק, טראַכט זי זיך, אַז גאָט-ברוך-הוא'ס וועלטל איז אַזוי לאַכעדיק?... אַפֿילו די שטיבער, די גאַס, די זון, די וואָלקנס אויפֿ'ן הימל, זיינען לאַכעדיק! אָט — לאַכט זי ווידער...
זאָגט איר די מוטער, אַז היינט איז שבת-חזון, דאָס

---

מוסר'ן: אויסריידן, זאָגן שטראָף רייד.
שבת חזון (כאַזאָן): דער שבת פֿאַר תשעה באָב. אָט דעם שבת לייענט מען אין שול צו מפֿטיר דעם ערשטן קאַפּיטל פֿון ישעיה. דאָס קאַפּיטל הויבט זיך אָן מיט'ן וואָרט חזון. די זעאונג. די נבואה פֿון ישעיה, אַז ירושלים וועט חרוב ווערן. דעריבער רופֿט מען דעם שבת חזון. און סיי צוליב דער טרויעריקער נבואה, סיי ווייל עס איז פֿאַר תשעה באָב, טאָר מען דעם שבת ניט זיין פֿריילאַך.

בית־המקדש איז חרוב, אידן זיינען אין גלות, מען טאָר נים לאַכן.

איז זי ווידער ביי זיך נים שולדיק אין דעם: אויף איר'ן האָט זי געמענגט חתונה האָבן א סך פריער פאַר שבת־חזון דער זמן החתונה איז סיי ווי געווען נאָך אויף שבת־חנוכה.

האָט דער מחותן דעם נדן נים איינגעלייגט! אויף אדר־שני האָט דער פאָטער זיין נדן פאַרטאָן. שבת נאָך שבועות זיינען די קליידער נים פאַרטיק געווען. ראש־חודש תמוז איז נים אויסגעקומען. קוים חצי־תמוז אַ פאַרשפּיל געווען.

איז געקומען צו דער חופּה, הייסט מען איר זאָגן על חטא און וויינען.

„וואָס ווילן די אַלטע לייט האָבן פון איר?" זי האָט שוין דעמאָלט אויך געוואָלט לאַכן.

און אָט האָסטו דיר שבת־חזון.

זי זעט פאַר זיך ניט קיין שבת־חזון! דאַכט זיך, איטלאַכער איז אַזוי פריילאַך, אַזוי אויפגעלייגט, גלייך עס האַלט ביי אַלעמען נאָך אַ חתונה.

צום טיש האָט זי זיך געזעצט ברוגז אויף דער מוטער.

ברוגז'ערהייט האָט זי דערזען — א פליג שטעלט

---

אדר שני (שייני): דער צווייטער אדר. אַלע דריי יאָר איז אַן איבער יאָר. אין אַזאַ יאָר איז לויטן אידישן קאַלענ־דאַר פאַראַן דרייצן חדשים. דער איבעריקער חודש הייסט אדר שני.

על חטא (אַל כייט): א תפלה אין דאַוונען פון יום כפור. אין דער תפלה ווערן אויסגערעכנט אַלע זינד, וואָס דער מענטש איז באַגאַנגען. עס איז א מנהג די כלה זאָל פאַר דער חופּה זאָגן אָט די תפלה.

זיך ביי דער מוטער פונקט אויף דער נאָז. . . זי האַלט ניט אויס. זי האָט זיך צעלאַכט!

נאָכ'ן עסן האָט זיך די מוטער אוועקגעזעצט בײַם פענצטער מיטן טייטש-חומש אויפן פאַדאַליק און צוגע-רופן שיינדעלען צו זיך.

„אַט, קום אהער, דו ווילדע ציג, וועל איך דיר לייע-נען אביסל פון די קינות, וועסטו ניט לאַכן אַזוי פיל. מיינסט — זי קאָן שוין זיין אַ ווייבל? — פאַרקלאָגט זי די טאָכטער פאַר'ן יונגן מאַן: אסור, חזיר! זי זיצט אין שול טאַקע נאָר ווי אַ ווילדע ציג!"

די מוטער הויבט אָן לייענען. זי לייענט פון חורבן בית המקדש, פון די עשרה הרוגי מלכות און ווייטער.

שיינדעלע פאַלט אַרויף מיט די הענט אויפ'ן טייטש-חומש:

— ניין, מאַמע! דאָס לייען מיר איצט ניט: אַט —

טייטש-חומש: אַ בוך מעשיות פון חומש, אויף אידיש, געמאַכט פאַר פרויען, וואָס פלעגן ניט לערנען קיין העברעי-איש, זיי זאָלן אויך וויסן וואָס עס שטייט אין דער תורה. אמאָל האָט מען אידיש גערופן עברי־טייטש אָדער אידיש־טייטש, דערפאַר רופט מען חומש אויף אידיש — טייטש חוּמש.

פאַדאַליק: דער טייל פון קלייד איבער'ן שוים.

קינות: קלאָג־לידער. פּאָעזיע, אין וועלכער די מחברים באַוויינען די אומגליקן פון אידישן פאָלק. קינות זאָגט מען תשעה באב.

עשרה הרוגי מלכות: צען וואָס זיינען דער'הרג'עט געוואָרן אויפן באַפעל פון קעניג. עס דערציילט זיך, אַז אין דער צייט, ווען די רוימער האָבן באַהערשט ארץ ישראל און האָבן אַרויסגעגעבן שווערע גזרות אויף אידן זיינען צען פון די גרעסטע אידישע געלערנטע געפונען געוואָרן שולדיק אין ניט אויספירן די באַפעלן פון קעניג. מ'האָט זיי געטויט דורך מורא'דיקע מיתות און זיי זיינען געשטאָרבן מאַרטירער. די געשיכטע פון זייער מאַרטירערטום ווערט געלייענט יום כפור און תשעה באב.

לייען מיר בעסער יענע מגילה, וואָס האָסט שבועות גע־
לייענט... ווי הייסט זי ? יענע, וואָס האָט חתונה געהאָט...
רות. . . יאָ. . . „רות" לייען מיר אביסל ! . . .

---

רות : איינער פון די ביכער פון תנך. די מגילה רופט זיך אויפן נאָמען פון דער העלדין. א טאָכטער פון מואב, וועלכע האָט חתונה געהאַט מיט א זון פון יהודה און נאָך איר מאַנס טויט איז זי ניט אוועק צו איר פאָלק, נאָר געבליבן געטריי איר מאַנס משפחה און גלויבן.

## פראגן.

פארוואס האט שיינדעלע געהאלטן אין איין לאכן?
איז טאקע אלעס, וואס זי האט געזען, געווען אזוי קאמיש?
ווי האט איר אויסגעזען די וועלט און אלעס ארום איר?
פארוואס? פארוואס האט זי ניט געוואלט די מוטער זאל פאר
איר לייענען מעשות פון חורבן נאר מגילת רות?

# פון דאָס ניי געלעבט

יעקב-יוסי מיט ביילען האָבן ביידע ביז אונטער די פערציקסטע יאָרן אוועק-געפּטר'ט דאָס לעבן, יעדער אויף א באזונדערן וועג און מיט א באזונדער פעקל צרות.

צו 18 יאָר האָט מען יעקב-יוסין מיט צפּרהן צו דער חופּה געפירט. א גוטן זכות זאָל זי טראָגן פאר אלע לע-בעדיקע. אודאי, ווען ס'זאָל געווען זיין אין גאנצן אויף זיין דעה, וואָלט ער אפשר ניט געגאנגען צו דער חופּה, איז אָבער דעמאָלט נאָך קיין מאָדע ניט געווען — אָנפרעגן זיך ביי די קינדער.

באלד נאָך דער חופּה האָט זי אָנגעהויבן קרענקען.

נישט געהאָט וואָס צו זאָגן דארויף: אין זיין משך— איז'ם זיין מזל.

איז אוועקגעגאנגען א פּאָר יאָר אין קריג: די שווי-גער, — זיין מוטער הייסט עס, — האָט געדרונגען, אז זי מאַכט זיך גאָר קראנק.

זי האָט זיך אָבער אזוי פארקרענקט, אז מען האָט געמוזט צום גלויבן קומען.

---

**אין זיין משך (מעשער): אין זיין צייט. ווען זי איז גע-ווען זיינע.**

האָט זיך אָנגעהויבן א נייער קריג: די מוטער האָט געאַרבעט אויף גט.

דערווייל איז אָבער געשלאָגן געוואָרן די פּרנסה זיינען און די מוטער האָט זיך אָפּגעלאָזט פון גט.

נאָר ווי די פּרנסה פלעגט זיך עפּעס פאַרבעסערן, פלעגט די מוטער, עליה השלום, ווידער אָנהויבן אַרבעטן אויף גט.

די וועלט האָט אויף דעם יונגן ווייבל אָנגעהויבן שטאַרק רחמנות האָבן. אַלע האָבן זי באַדויערט אין איר אומגליק.

אַזוי איז אַוועק פיל צייט אין צרות און מחלוקת׳ן, ביז די מוטער איז געשטאָרבן און דער גט איז פאַרגעסן געוואָרן.

דאַן האָט די וועלט אויף אים אָנגעהויבן רחמנות האָבן.

און יאָרן רוקן זיך. יאָרן גייען אַוועק אויף אַפּטייק, שפּרעכערס און שפּרעכערקעס און להבדיל צדיקים.

יעקב יוסי געדענקט פאַר זיך ניט קיין פריילאַכן דאָנערשטיק, קיין אויפגעלייגטן שבת. פּרנסה, פאַרקערט ניט צו פאַרזינדיקן. נאָר וואָס פאַר א תענוג איז עס. אומשטיינס געזאָגט, אַז די פאַרדינסטן פלעגן דאַרפן אַוועקגיין נאָר אויף רעצעפּטן.

שטענדיק, ווען יעקב־יוסי קומט אין שטוב אַריין, געפינט ער זיין ווייב קרעכצן אין בעט.

די קרעכצן פלעגן אים נאָכגיין, ווי א ווידער־קול

---

עליה השלום (אַלעהאַ האַשאַלעם): פריד צו איר. אַן אויסדרוק, וואָס מען נוצט ביים דערמאָנען דעם נאָמען פון איינעם, וואָס איז שוין טויט.

אין קלויז און אין דער גאַס, און וואו ער איז נאָר ערגעץ געוועזן.

און אזוי איז ער געוואוינט געוואָרן ביז ס׳האָבן זיך אָפּגערוקט די צען יאָר. דאן איז געוואָרן א שאלה וועגן קינדער, און גוטע אידן האָבן געהייסן זיך גט׳ן.

איז אָבער איר פאָטער געפאָרן צו די גוטע אידן, — האָבן זיי געהייסן נאָך וואַרטן.

געוואָרט און ווידער געפאָרן; געקומען און ווידער געוואָרט.

אזוי האָבן זיך אָפּגערוקט נאָך עטלאכע יאָר, ביז זי האָט זיך אויפגעהויבן און געשטאָרבן.

אודאי, ווען ס׳זאָל געווען זיין אין גאַנצן אויף זיין דעה, וואָלט ער איר ניט געהייסן שטאַרבן. ער איז שוין ווי צוגעוואוינט געווען.

געבליבן איז ער אָן גאָר ניט. שווער איז אים זיך פאָרצושטעלן, אַז אַ שאָק מיט יאָרן איז אזוי אויף אים איבערגעגאַנגען.

אליין דרייט ער זיך ארום אין זיינע ברייטע פיר ווינקעלאך.

אז ער רעדט עפּעס אַ וואָרט, דאַכט זיך אים, — אַ ווידער־קול גייט ארום אין שטוב.

אז ער הויבט אויף די אויגן, און קוקט זיך ארום, דאַכט זיך אים די שטוב איז גרויס ווי א וואלד.

ער גלעט זיך די לאנגע באָרד און טראַגט דעם שפּיץ צו פאר די אויגן.

„שוין ניט קיין יונגערמאַן“ — שאַקלט ער אָפּ.

---

ביילע האָט אָפּגעלעבט אויף איר שטייגער.

זי איז אויך צו דער חופּה געגאַנגען — ניט ווייל זי האָט געוואָלט גיין, נאָר ווייל מ'האָט זי געפירט. איר האָט טאַקע ניט געפּאַסט צו זאָגן אַ דעה, ווייל זי איז נאָך גאָר יונג געווען.

פרי חתונה געהאַט, פרי אָנגעהויבן קינדלען, פרי אַן אלמנה געבליבן.

באַוויינט האָט זי דעם מאַן, ווי מען דאַרף באַוויינען אַ טויטן. . .

און אַז זי האָט זיך דערמאָנט אָן איר אָפּגעלעבטער יוגנט, פלעגט זי אַ גענעץ טאָן.

שיין איז זי נאָך געווען. נאָר זי האָט זיך געפּאַסט, זי וויל אירע קינדער פאַר קיין שטיף־קינדער ניט מאַכן. גענוג וואָס זיי זיינען יתומים.

און האָט גענומען אויפציען די קינדער.

אַז זי האָט חתונה געמאַכט אַדער ווי עס איז פאַר־זאָרגט אירע קינדער, האָט זי נאָך גאָר ווייניק קנייטשן געהאַט אויפ'ן שטערן.

און יעקב־יוסי האָט נאָך גאָר ווייניק גרויע האָר אין דער באָרד.

נאָר זי טראָגט שוין ניט קיין פּאַריק.

און ער רויכערט שוין פון אַ ליולקע.

שדכנים איז דאָס ווי אויף להכעים ניט איינגעפאַלן.

„זיי" איז עס אודאי אויפ'ן געדאַנק ניט געקומען.

ערשט העט שפּעטער, ווען מ'האָט ביי גדליה מלמד

---

פּאַריק: אַ שייטל פרעמדע האָר אויפן קאָפּ. ווייבער פלעגן אָפּשערן זייערע האָר פאַר דער חופּה און כדי ניט אויסצוזעען אַלט פלעגן זיי טראָגן אַ שייטל, אַ פּאַריק. אָבער ווען זיי זיי־נען אַלט געוואָרן, האָבן זיי דאָס אויפגעהערט טראָגן, פאַרדע־קענדיק דעם קאָפּ מיט אַ פאַטשיילע.

צוגענומען דעם חדר און די גדלי׳כע האָט געמוזט ווערן א שדכנ׳טע, איז זי גלייך געפאלן דארויף.

ניט אומזיסט זאָגט די וועלט — אַ געמאַכטער „כשוף-מאַכער“.

אין אָנהויב, אז גדליה האָט מיט יעקב-יוסי׳ן אַ שמועס געטאָן מכח דעם ענין, האָט יענער געמיינט — ער מאַכט פון אים חוזק, אז ער האָט געזען — דער מלמד מיינט עס ערנסט, האָט ער זיך פארשעמט.

„ס׳איז שוין נאָך די יאָרן“ — האָט ער אים געענט-פערט, און איינגעשטעקט די אויגן אין פאָדלאָגע.

נאָר גדליה האָט געדרונגען, אז מחמת ער שעמט זיך, איז א סימן טוב, אז ס׳איז נאָך ניט „נאָך די יאָרן“.

ביילע, ווידער, ווען די מלמד׳קע האָט איר געזאָגט דעם גלייכן איינפאל, האָט זי פשוט אויף איר אויסגעשאָטן א ירגזון: „וואָס איז דיר אַיינגעפאלן, אוים אלטע אלמנות חוזק צו מאַכן?“

ביים צווייטן מאָל, האָט ביילע איר ווייטער אויסגע-וואָרפן: אַן עולה, אַן עזות פון אַ אידענע צו ריידן אזוי פון א לייטעשן אידן ווי ר׳ יעקב יוסי!“

נאָכ׳ן דריטן מאָל האָבן זיי זיך ביידע, יעקב יוסי און ביילע — יעדער ביי זיך פארטראכט.

צו קלערן אין דער זאַך איז דאָ ניט געווען וואָס: ניט פרעמד זיינען זיי געווען. זיי האָבן זיך געקאָנט נאָך פון לאַנג-לאַנג, פון די קינדער-יאָרן.

---

ירגזון: אַן אויסגוס פון כעס.
עולה (אוולע): אומרעכט.
עזות (אַזעס): חוצפה, געוואגטקייט.

אין שכנות זיינען זייערע עלטערן געזעסן.

אן אנדער זון, אנדערע שטערן, און — אן אנדער הימל זיינען דענסטמאָל געווען!

— „עט, נאַרעשע יאָרן! אַ קינדער־שפּיל — און ניט מער!"

ניט איין מאָל האָט זי זיך פאַרקילט, שטייענדיק אין אַ ווינטערדיקן אָוונט אין דרויסן, וואַרטנדיק צו זען יעקב־יוסקין אַהיימגיין פונ׳ם חדר.

ניט איין מאָל האָט יעקב־יוסי געכאַפּט פּעטש פון רבי׳ן, ווען ער האָט אים פלוצלונג אַ פרעג געטאָן: „וואו האַלט מען אין רש"י?" און ער האָט זיך פונקט דעמאָלט פאַרטראַכט וועגן ביילעטשקען.

געוואוסט, — האָט זי ניט געוואוסט פון זיינע געדאַנקען, ניט ער — פון אירע, זיי האָבן קיינמאָל מיט אַן אַנדער ניט גערעדט. געזען האָבן זיי זיך נאָר.

און געזען האָבן זיי אַ סך.

און געטראַכט נאָך מער.

קיינעם האָבן זיי ניט דערציילט. טאָמער האָט יעקב־יוסי אַמאָל אָנגעשריבן אויפן פאַרשוויצטן פענצטער: „ביילעטשקע", האָט ער באַלד געכאַפּט און אָפּגעמעקט.

און אַז זיי זיינען אונטערגעוואַקסן. . .

נאָר דאַמאָלס איז זי דאָך שוין געווען אַ מאַמע, און

---

רש"י (ראשי): רב שלמה יצחקי. דער נאָמען פון אַ אידישן געלערטן, וואָס האָט געלעבט אין פראַנקרייך אין די יאָרן 1040 ביז 1105 און האָט אָנגעשריבן אַ קאָמענטאַר אויף תנך און גמרא. דער קאָמענטאַר רופט זיך רשי, אויפן נאָמען פון מחבר.

פאַרשוויצטע פענצטער: אַ פענצטער, וואָס איז נאַס פון דער פּאַרע, דער וואַרעמקייט פון שטוב.

ער האָט שוין געטראָגן א מ י ל ש ט י י ן אויפ'ן האַלז.

איינמאָל נאָר, געדענקט זיך אים, אין דער יוגנט. . . שיער־שיער האָט ער זיך ארויסגעגעבן.

חמשה עשר איז עס געווען.

היבש איז אים געפאלן אויף זיין חלק אין חדר. א טעות איז געשען אפנים ביי דער חלוקה. באַקסער איז ער מיד געוואָרן קייענדיג. גאָר דער טייטל. . . א גאַנצער טייטל איז אים געפאלן, אים האָט באַנק געטאָן דעם טייטל אָנצוהויבן. עס איז דאָך ניט מער ווי א טייטל! אזוי ווי ער הויבט אים נאָר אָן — אזוי איז שוין נאָך אים! איז אָן עק ביז איבעראַיאָר!

ער איז פאַרבייגעגאַנגען דאָס הויז, וואו ביילע'ס על־טערן וואוינען. ער האָט געזען ווי אירע עלטערן, פארפוצט, יום־טוב'דיק געקליידט, לאָזן זיך אין וועג אריין. פאַר־שטאַנען האָט ער, אז דאָס גייען זיי, אפנים, אויף א חתונה.

פלוצלונג פאַלט אים איין, אז ביילע איז איינע אליין געבליבן.

וואָס איז אים דעמאָלט געווען אזוינס?

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אז קוים גייט ער אריין

---

א מילשטיין: דער שטיין אין א מיל, וואָס צעמאָלט די קערנער. דאָ א פרוי. ווי איינער. וואָס טראָגט א מילשטיין אויפן האַלז, קען זיך ניט באַוועגן פריי. אזוי אויך איינער. וואָס האָט א פאַמיליע.

חמשה עשר: פופצן. יעדעסמאָל, וואָס דער אויסדרוק ווערט באַנוצט אָן ווייטערע דערקלערונגען, איז געמיינט חמשה עשר בשבט. ווען עס ווערט געפייערט דער ראש השנה פון די בוימער.

חלוקה: צעטיילונג. אַלע קינדער פלעגן ברענגען חמשה עשר אויבס אין חדר אריין. מען האָט עס צוזאַמענגעמישט און דאַן צעטיילט צווישן די קינדער. יערן א חלק.

וועט ער קאָנען גלייך ארויסנעמען דעם טייטל און איר געבן.

אַז ער איז אריינגעקומען, האָט ער ערשט דערפילט זיין טעות. ער האָט ניט געקאָנט מער ווי איינמאָל אויפהויבן די אויגן אויף איר און זען, ווי זי שטייט אין אַ ווינקל צענויפגעקאָרטשעט, העלעש רויט, און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

אים איז שווער געוואָרן דאָס שטיין, דאָס שווייגן, דאָס קלינגען אין די אויערן, דאָס ציטערן פון די קני. ער האָט אַנידערגעלייגט דעם טייטל אויפ'ן טיש און — ארויס אין דרויסן.

א צייט נאָכדעם האָט ער זיך געשעמט צו באַגעגענען זיך מיט איר.

און שפּעטער...

נאָר דעמאָלט איז ער שוין געווען מיט אַ מילשטיין אויפ'ן האַלז, און זי האָט געטראָגן א פּאריק.

ווען ער דערמאָנט זיך אַצינד אָן דעם, ווערט אים אַנגענעם, שטעכנדיק אנגענעם: עס ווייזט זיך אים אויס — יענע זון שיינט, יענער הימל מיט יענע שטערן, יענע חלומות. נאָר... די בושה, דער צער פון בושה!...

עפּעס אַן אַנדער מין בושה, ווי יענע. עס ווערט נאָך איר קאַלט.

„ער“ טראָגט צו די באָרד צו די אויגן, און „זי“ — ציילט די קנייטשן אויפ'ן פּנים.

---

די זאַך איז צוגעשטאַנען. יעקב־יוסי האָט אלץ אָפּגעלייגט פון חודש צו חודש. ער האָט געוואָלט טרעפן אויף אַזאַ צייט, ווען קיין בחור'שע חתונות זיינען זיך ניט נוהג.

טבת איז׳ס אים געפאלן — נאָכ׳ן צווייטן קווארטל.
און — גאָר ניט. . .
שטילערהייט קרעכצן זיי ביחידות אויף די זאכן, וואָס געפאלן אין רבונו של עולם׳ס וועלט — ניט אין דער צייט. נאָר איינער דעם אנדערן זאָגט עס ניט.
מען שעמט זיך.
דעם קידוש שטעלט ער אַוועק אויפ׳ן טיש, וואַרפט אָן אויג אויף איר — נעמט זי שוין אליין דעם כוס.
צום מאָל, פאַרקערט, ווייזט זיך יעקב־יוֹסין אויס, אז אין הארצן ביי אים האָט זיך געעפנט א ווינקל, פון וואַנען דאָס לעבן האָט נאָך ביז אָהער ניט גערירט. נאָר עפּעס פעלט. . . עס פעלט אזוינס, וואָס ער ווייסט עס ניט ווי אָנצורופן.
און אפשר־פאַרקערט: אפשר איז עפּעס דאָ צופיל. . . איבעריקס!. . .
איבעריקע האָר אין דער באָרד, איבעריקע חשבונות אין קאָפּ, איבעריקע בושה. . .

---

חמשה עשר ווערט פיר וואָכן פון דער שטילער חופּה.
יעקב־יוסי איז דורכגעגאַנגען דורך אַ באַקאַליי־קראָם און האָט זיך אָפּגעשטעלט.
פּירות וויל ער קויפן, נאָר ער שעמט זיך אריינגיין.
ער וויל זיך דערמאָנען, ווי האָט ער זיך פאַראַיאָרן נוהג גווען?
פאַראַיאָרן האָט ער ניט געקויפט; נאָר פאר צוויי יאָרן. . . מן הסתם האָט ער געקויפט.
עס דאַכט זיך אים—ער דערמאָנט זיך מיט סימנים—„זיכער געקויפט!" ער איז אריינגעגאַנגען.

טייטלען האָט ער געקויפט מער ווי אַלצדינג.

אז ער וועט אריינקומען, — האָט ער ביי זיך שוין אָפּגעשטעלט, — וועט ער גלייך זאָגן:

„קום אהער, מיין ווייב, נענטער צו מיר, מיר וועלן עסן פירות!“

און אז ער וועט ווען, וועט ער זאָגן עפּעס נאָך מער, ווי — „מיין ווייב“, וואָס? אין זיינע פיר ווינקעלאַך! צו וועמען האָט עס?

און. . . ער וועט זי דערמאָנען אָן יענעם טייטל. . . פרעגן וועט ער זי, וואָס איז געוועזן דער סוף — נאָך זיין ארויסגיין?

נאָר אז ער איז אהיימגעקומען, איז אויף אים ווידער אָנגעפאלן יענע בושה, וועלכע מאַכט אים קאַלט און שטום.

---

## פראַגן

וואָס פאַר אַ לעבן האָט יעקב יוסי געהאַט מיט זיין ערשטער פרוי? ווי אַזוי האָטביילע געלעבט? וועלכע דעראינערונגן האָט ביי ביידן ארויסגערופן דער געדאַנק זיי זאָלן ווערן מאַן און ווייב? ווי שילדערט דער מחבר די ליבע צווישן יעקב-יוסי און ביילע ווען זיי זיינען קינדער געווען? פאַרוואָס האָט יעקב יוסי געקויפט דוקא טייטלען? זיינען יעקב יוסי און ביילע פאַלשטענדיק גליקלאַך? וואָס שטערט זייער גליק?

# פאַרשפּעטיקט דעם קדיש

גערן איז שוין דער יונגער מלמד הירשל געווען, אז דאָס קליינע פאָלק זיינס זאָל זיך צונויפקלייבן מיט די פיילן־בויגנס, מיט׳ן „פראָוויאַנט" און אַרויסגיין אויפ׳ן באַרג סיני. קיין ארץ ישראל אפילו זאָלן זיי זיך גיין, אַבי ער זאָל פון זיי פטור ווערן! אליין וויל ער בלייבן, איינער אליין אין זיינע פיר ווינקעלאך.

גוט, וואָס ער האָט אַ באַהעלפער: ער וועט פאַרשפּאָרן זיי נאָכצוגיין. זאַט איז ער פון זיי אַ גאַנץ יאָר.

אליין וויל ער בלייבן און טראַכטן.

עס ציט אים אלץ אליין צו בלייבן און צו טראַכטן;

קוקן אויף די פיר ווענט און שווייגן.

כאָטש דאָס איז ניט זיין טבע: ליב האָט ער תמיד

---

קדיש (קאַדיש): אַ תפלה אין אַראַמייאיש, וואָס ווערט געזאָגט פאַר דער נשמה פון טויטן. די תפלה ווערט געזאָגט דאָס ערשטע יאָר אַלע טאָג, צו שחרית, מנחה און מעריב, און נאָכדעם אַלע יאָר אין דעם טאָג ווען דער מענטש איז געשטאָרבן. קדיש דאַרף זאָגן דער זון פון פאַרשטאָרבענעם, דערפאַר רופט מען אַ זון אַ קדיש.

ארויסגיין אויפ׳ן באַרג סיני: ארויסגיין אין פעלד אָדער וואַלד פייערן ל״ג בעומר.

אַ באַהעלפער: אַן ארויסהעלפער ביי אַ מלמד.

קינדער; ווען ער איז נאָך געווען א באהעלפער, פלעגט ער זיך תמיד געפינען צווישן די קינדער. ליב געהאַט אמאָל אפילו א שפּיל צו טאָן מיט זיי אינאיינעם.

נאָכדעם, אז ער האָט חתונה געהאַט מיט רייזעלען, און האָט זיך אליין געעפנט א חדר, האָט ער עס געטאָן גלאַט, ווי א סגולה צו פּרנסה: וואָס מער השגחה ער וועט געבן אויף די קינדער, מער וועלן אים די בעלי־בתים גע־טרויען קינדער אויף זיין האַנט.

נאָר שוין מער פון א האַלב יאָר, זינט רייזעלע איז גע־שטאָרבן, — איז ער אינגאַנצן ווי איבערגעביטן געוואָרן. נמאס איז אים אלצדינג. ער איז זיך אליין נמאס. די זון האָט זיך אים געזעצט ביים אויפגיין.

ניט געגלויבט האָט ער קיינמאָל, אז אזוינס קאָן גע־שען, אז זיין רייזעלע קאָן פּלוצלונג אין א טאָג נעמען און שטאַרבן.

דערפאר טאַקע אין יום־המיתה האָט ער קיין טרער ניט געלאָזט. אויסגעשטעלט נאָר האָט ער די אויגן און געקוקט ווי די שמשים זיינען זיך מטפל מיט איר און ווי מען כאַפּט זי אוועק. געוואונדערט האָט ער זיך צו יעדן מיט אויסגעשפּאַנטע אויגן:

„וואָס הייסט עס!? סטייטש, וואָס הייסט דאָס!?“

א ביטער רעטעניש איז דאָס אים.

נאָך שבעה... נאָך שלשים... און וואָס מער א טאָג עס גייט אוועק, אלץ מער וויינט ער.

---

השגחה (האשגאָכע): השנחה געבן — אויפּפּאַסן.

שבעה (שיווע): זיבן. די ערשטע זיבן טעג נאָך קבורת המת.

שלשים (שלוישים): דרייסיק. די ערשטע דרייסיק טעג נאָך קבורת המת. אי שבעה אי שלשים זיינען טרויער טעג.

גוט וואָס דער הערבסט האָט אים באַלד פאַרכאַפּט, פאַרמאַכט האָט ער זיך אין זיינע פיר ווינקעלאַך — און טראַכט און טראַכט.

ער טראַכט, אַז רייזעלע איז באמת געשטאָרבן, אַז דאָס איז ניט קיין חלום געווען.

ער טראַכט, אַז גוט וואָלט געווען, ווען ער זאָל אַנ־שלאָפן ווערן. שלאָפן, שלאָפן און זיך אויפכאַפּן פּונקט אין יום תמיתה זיינעם.

און ער טראַכט, וואָס וואָלט געווען ווען רייזעלע זאָל ניט געווען שטאַרבן.

דאָס האַרץ ברינט זיך פון די מחשבות, נאָר ער לאָזט זיך אריין אין זיי וואָס מער, וואָס טיפער. ער קאָן זיך פון זיי ניט אָפּרייסן.

עס גייט אים ניט אָן, וואָס אין דרויסן האָט זיך שוין אויסגעלייגט אַ טיפער שניי; בייזע ווינטן הוליען איבער די גאַסן, און די טעג ווערן אלץ איינגעשרומפּן: סיי ווי פאַרשטייט ער ניט נאָך וואָס שיינט די זון? צו וואָס איז די גאַנצע שפּיל? טאָג־נאַכט — נאַכט־טאָג — וואָס ווערט דען דערפון?

ער לערנט מיט די קינדער נאָר דערפאַר, ווייל זיי קומען זיך צונויף; ער גייט עסן נאָר דערפאַר, ווייל די מוטער וואוינט נאָענט און די שוועסטער קומט אים רופן צוויי מאָל אין טאָג צום טיש.

שווער קומט אים אָן דאָס „קדיש־זאָגן" אין דער פרי און אויף דער נאַכט. (קיין קדיש האָט זי אפילו ניט גע־לאָזט). קריכן דאַרף ער אין שניי, גייענדיק אין קלויז אריין, און ער איז ניט געוווּנט אָנגעטאָן דערצו. נאָר וואָס שווערער ס'איז אים, אַלץ צופרידענער בלייבט ער. מיט'ן

קדיש, דאַכט זיך אים, שיקט ער רייזעלען אַ גרוס. ער רעדט מיט איר פּנים אל פּנים.

שפּעטער האָט זיך אים אָנגעהויבן אויסווייזן, אַז ער דערקאָנט אין נוסח פון׳ם קדיש, ווי אַזוי רייזעלע איז אַצינד אין גן עדן: פריילאַך אָדער אומעטיק.

פריילאַכער פלעגט אים דער קדיש גיין, ווען די נאָס־קייט מיט דער קעלט פלעגן אים דורכנעמען.

אים האָט זיך אַלץ אויסגעוויזן, אַז אַ גרויסן חטא באַגייט ער אַנטקעגן רייזעלען דערמיט, וואָס ער לעבט נאָך. אָפּקומען וויל ער אַלץ דעם חטא.

און קינדער קומען, דער באַהעלפער לערנט, דער באַ־העלפער הייסט ברענגען געלט, קינדער ברענגען. גערן איז הירשל, זיי זאָלן זיך שוין צעגיין, און אים לאָזן אַליין.

טראַכטן וויל ער.

אַ געטרייען באַהעלפער האָט ער; ער לאָזט אים ניט. הירשל רעכנט אַזוי שוין אָפּצושטופּן דאָס ביסל יאָרן מיט דעם באַהעלפער.

און דער זמן האָט זיך געענדיקט. דער באַהעלפער האָט אָנגעקליבן נייע תלמידים. תלמידים קומען. הירשל לערנט דערווייל ביז מנחה־צייט צום „קדיש־זאָגן“.

און אַז ער עסט אָפּ וועטשערע, לייגט ער זיך דער־ווייל אין בעט, ביז צום שחרית׳דיקן קדיש זאָגן.

גערן איז ער געווען היינט אָפּצו׳פּטר׳ן די קליינע שרייערלאַך, צו פריילאַך זיינען זיי היינט. גיין זאָלן זיי זיך און אים לאָזן טראַכטן.

טראַכטן וויל ער, זואָס וואָלט געווען, ווען רייזעלע לעבט נאָך און זיצט אָט דאָ נעבן אים?

---

נוסח (נוסאַך): סטיל. ניגון.

טראַכטן וויל ער, וואָס טוט רייזעלע׳ס נשמה אצינד? בענקט אַ נשמה? ליידעט זי פון אומעט, פון מחשבות?

און ער וויל וויסן, וואָס איז דער תכלית פון גאַנצן? נאָך וואָס שיינט אַזוי די זון? גלאַט לעבן כדי דערנאָך צו שטאַרבן און איבערלאָזן האַרצווייטיק?

שווער איז אים היינט מער ווי תמיד: דער קאָפּ טוט אים וויי. אַנטקעגן פענצטער איז ער געזעסן—האָט אים די זון, אַפּנים, צוגעברענט.

ער האָט גאָר ניט באַמערקט ביז היינט, אַז אין דרויסן שיינט אַזאַ הייסע זון.

עס פּאַלט אים איין אַ געדאַנק: צו רייזעלע׳ן אויפ׳ן קבר וועט ער זיך דורכגיין. די מצבה וועט ער אָנקוקן. די אויפשריפט וועט ער נאָכאַמאָל לייענען.

ביז צו מנחה וועט ער נאָך קענען זיין צוריק.

און אפשר וועט ער געפינען ארום איר קבר ליידיק פּלאַץ, וועט ער טראַכטן וועגן א שטיבל איבערן קבר אויפ־שטעלן.

אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, איז ער ארויס־געגאַנגען מיט גרויסע טריט. עס זעט אויס, אַז ער איז אין כעס אויף דער זון, וואָס זי קריכט אים רק אין די אויגן.

ארויפגעגאַנגען איז ער אויפ׳ן „בית־עלמין" אין איי־לעניש.

ער שפּאַנט איבער מצבות, קברים — ער האָט אָפּ־געזוכט „זיינע".

---

מצבה (מאַצייווע): מאָנומענט. א שטיין, וואָס ווערט גע־שטעלט אויפ׳ן קבר צום אנדענק פון פארשטאָרבענעם.

בית עלמין (ביים אַלמין): דאָס אייביקע הויז. דאָס אָרט, וואו מען באַגראָבט די טויטע.

אויף דער שפּראַך פון זיין האַרצן האָט ער זיך איבערגערעדט מיט איר. ער גלויבט — זי פאַרשטייט אים.

ער האָט אַרומגעקוקט דאָס אָרט. . . גרינס וואַקסט אַרום קבר.

מצבות. . . ווייסע און טונקעלע, גלייכע און געבויגענע. . . שווייגן ווי דער טויט. צווישן זיי וואַקסט גרינס. . . מצבות פאַרשטעלן דאָס גראָז. דאָס גראָז קריכט אויף די מצבות.

פון צווישן גראָז, וואָס אַרום „זיינערס" קבר שטייט געשטרעקט אַ רויז און שאָקלט זיך לייכט, ווי אַ אידישע יונגע צנועה, וואָס שעמט זיך מיט איר יוגנט און שיינקייט, און ווייסט ניט וואו אהינצוטאָן זיך פאַר די אויגן, וואָס קוקן אויף איר.

„פון וואַנען זויגט די רויז?". . .

עס ציט אים צו איר ניט ווילנדיק.

„קיין חידוש ניט, מען דאַרף וויסן — ווי וואַקסט זי? פון וואַנן זויגט זי?"

„עס שמעקט פון איר מיט יוגנט. עס שיינט מיט לעבן".

צוויי פאַרליבטע פויגעלאַך זיינען פון ערגעץ אָנגעפלויגן; זיך אַוועקגעשטעלט אויף רייזעל׳ס מצבה און אָפּגעשעפּטשעט עפּעס אַ מין ליבע-ליד.

געגרילצט האָט דאָס הירשלען אין די אויערן.

און פון די אויערן איז׳ס געקראָכן אין האַרץ.

אויפ׳ן פלויט האָבן זיך די פויגעלאַך געשטעלט.

הירשל האָט זיך אומגעקערט צו זיי.

---

צנועה: באַשיידענע, אומשולדיקע פרוי.
פלויט: צאַם.

די פויגעלאך זיינען אוועקגעפלויגן. הירשל איז זיי נאָכגעגאַנגען. עס דאַכט זיך אים — ער וויל נאָכאַמאָל הערן דאָס ליד וואָס אויפ'ן קבר.

דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט פארשפעטיקט דעם קדיש.

## פראגן

וואס פאר א לעבן האט הירש לייב געפירט מיט רייזעלען ? פארוואס האט ער ניט געוויינט. ווען זי איז געשטארבן ? וואס ווייזט אונז אויף זיין ליבע צו רייזעלען ? וואס האט גורם גע־ ווען ער זאל פארשפעטיקן דעם קדיש ? וואס סימבאליזירט דאס געזאנג פון די פייגעלאך ?

# פון שבועות ביז תשעה באב

הירשקע מלמד האָט דאָס יאָר א פריילאכן שבועות. שבועות איז ער תמיד אויפ־געלייגטער, ווי אין אלע אנדערע ימים טובים. ער האָט דערביי אַ סך טעמים: ראשית, איז שבועות ניט דאָס, וואָס פסח אָדער סוכות: יענע ימים טובים זיינען, אָן זינד גע־רעדט, תמיד פארשטערטע. דאגת־פרנסה, אומשטיינס גע־זאָגט! תמיד געפאלן זיי אין בין הזמנים. ביזט ניט זיכער מיט׳ן שטיקל ברויט. „זיינע" רייסט זיך, מיינע שונאים, אויס דער הויט ארויס: גרייט אָן מיני קעזלאך, כרעמזי־לאך — דער מלכות מעג זיי עסן! א גרויסע בריה צו די זאכן! ווער שמועסט סוכות! אירע צימעסן! פון איין פרי מאַכט זי צען מאכלים! — נאָר וואָס קומט ארויס דערפון? די כרעמזלאך, מיט די אלע גוטע מאכלים, ווארגן דיך, בלייבן דיר אין האַלז שטיין, אז דו דערמאָנסט זיך —

---

בין הזמנים (ביין האזמאנים): צווישן סעזאָנען. אין חדר פלעגט זיך דאָס יאָר טיילן אין צוויי סעזאָנען, זמנים. פון נאָך פסח ביז ראש השנה און פון נאָך שמחת תורה ביז פסח. פסח און סוכות זיינען דאריבער אין דער צייט צווישן איין זמן און צווייטן — בין הזמנים. חול המועד פסח און חול־המועד סוכות פלעגן די מלמדים זוכן תלמידים פאַר׳ן נייעם זמן און זיין באזאָרגט וועגן פרנסה.

אַז דאָס חדר איז נאָך ניט צונויפגעשטעלט. . . דער קרימט זיך, יענער האָט צוגעזאָגט אַ תשובה אויף די אַנ־דערע טעג, די איבריקע שווייגן גלאַט אַזוי. . . דעם קאָפּ נעמט'ם אַראָפּ!

שנית, איז שבועות עפּעס גלאַט פריילאַכער. די גאַנצע וועלט איז אָפן, פריי. . . עס פילט זיך עפּעס גרינגער. . . ניט פון דעם, וואָס דאָרט ערגעץ בליען בלומען, פעלדער גרינען זיך, פויגל זינגען. . . ווייס איך, — נאַרעשקייטן! נו, און אַז ס'בליט און וואַקסט, וואַקסט עס דען אין זיין גאָרטן?! אים זינגען דען די פויגל?! עט, מעשה נערות!. . . נאָר פשוט — זומער־לעב. . . מ'עסט ווייניקער. . . מ'האָ־דעוועט זיך, ווי זאָגט מען, מיט לופט!. . . נו, עסט מען ווייניקער, דאַרף מען דאָך ווייניקער!... מכח הלבשה, ווידער, וואָס איז שייך צו זאָגן? העלפט גאָט אַ בעסערן זמן, וואָלט ער אַליין געוואָלט, זיין דינה זאָל זיך מאַכן און קליידן, חס ושלום ווידער, טאָמער אַ קנאַפּער זמן — איז אויך דאָס אייגענע: גייט מען אין די אַלטע קליידער, און מען זיצט אין שטוב. צווישן זיך, געפעלט מען זיך אַזוי אויך.

נאָך דעם שבועות איז ער גאָר בגילופין. ער זיצט אין קלויז דעם ערשטן טאָג יום טוב אויף זיין דרום־שטאָט און שלינגט דעם „פּיט" מיט אַזאַ אַפּעטיט. . . די ווער־טער האָבן דאָס יאָר גאָר אַן אַנדער חן. . . די ווערטער זיינען עפּעס איצט פאַרשטענדלאַכער, וואַרעמער. . . זיי

מעשה נערות (מייסע נאַרוס): אינגלשע טועכצער. נאַ־רעשקייטן.
בגילופין: פריילאַך.
פּיט (פּאיעט): פּאָעזיע. געוויסע טיילן פון מחזור.

גייען ארוים גלייך פונ'ם הארצן און מיט אַ שטיק האַרץ אין איינעם!. . . גלייך ערשט נעכטן געשטאַנען אויפ'ן באַרג סיני און „געזען" דונערן און „געהערט" בליצן!

ער האָט אויף דעם יום טוב געקאַנט זיך פאַרגינען און מיט אַ קליינעם אדרויף געקויפט זיך אַ „מחזור" מיט „מטה לוי" און „בית לוי" — אויף אויסצאָלן. — „וואָס פאַר אַ נויטיקע זאַך דאָס איז פאַר יעדן אידן!!" — ער פאַרשטייט אצינד ניט, ווי אזוי האָט ער זיך געקענט באַגיין אָן דעם ביז איצט? „דאָס ענגשאַפט נאָר, אומשטיינס געזאָגט!"

נאָר דאָס איז נאָך ניט אין גאַנצן. עס איז נאָך עפּעס דאָ וואָס מאַכט אים וואַרעם אין האַרץ, כאָטש דאָס וואַרפט זיך ניט אזוי אין געדאַנקען, און ווען עס זאָל זיך וואַרפן, וואָלט ער עס אָפּגעלייקנט.

היינט, נאָכ'ן דאַוונען, אז ער וועט אַהיימגיין, וועט ער געפינען אַ מילכיקע סעודה. . . ניט אויף יוצא צו זיין,— טאַקע אַ סעודה! מילכיקע בייגעלאַך, מסתם, און ניט פון אריינגעשיקטס — אייגענס!. . . דאָס יאָר האָט ער זיך אַ ציג געקויפט.

„איי, אז דער רבש"ע ווייזט דיר אַ גוטע מינע!"

ביי דער מוספ'דיקער שמונה עשרה פאַלט אים איין

---

מטה לוי און בית לוי: פירושים, קאָמענטאַרן אויף די תפילות אין מחזור.

רבש"ע — רבונו של עולם: האר פון דער וועלט. גאָט.

מוסף: אַ צוגעגעבענע תפלה צו דעם דאַוונען פון יערן טאָג, אַלס אָנדענק פון דעם עקסטרא קרבן, וואָס מען פלעגט אין בית המקדש ברענגען שבתים און ימים טובים.

שמונה עשרה: אַכצן. דער נאָמען פון אַ תפלה וואָס אַנטהאַלט אַכצן ברכות.

א גוטער געדאַנק:

„כ'ל רופן מיט מיר „בענדיט־טיססמעניצער" צו דער סעודה. ער איז, נעבאך, א נע ונד'ניק. . . פאַרט אפילו אויף פסח זעלטן אהיים. דעם האַלבן חודש עסט ער קעסט ביי שמואל איינבינדער. א ביטערער אָרעמאַן, נעבאָך. ער האָט אודאי קיין מילכיקע סעודה ניט".

אז ער האָט זיך מער איינגעטראכט אין דער זאך, האָט ער געפונען אז ער וואָלט געוועזן א כפוי טובה אקעגן דעם בורא עולם, ער זאָל'ס ניט טאָן!

און ביי „ברכת כהנים", ווען די כהנים האָבן אויסגע־שריגן „ויחונך" — איז ביי אים פארטיק געוואָרן דער גע־דאנק אויף — ניט אנדערש!

ס'האָט אים נאָר איבערגעשלאָגן א שטיקל מרה שחורה פאר „איר"... נאָר וואָס איז זי? ניט קיין אידישע טאָכטער דען?!... זי ווייסט ניט, אז אלץ איז פון גאָט ברוך הוא?! ער וועט איר דערנאָך געבן צו פארשטיין...

מ'האָט אָפגעדאַוונט. ער גייט איבער דער גאס מיט בענדיטן — ניט אָן גדלות: אָט פירט ער אויך אָן אורח, מיט לייטן גלייך! ער דאַנקט גאָט אין געדאַנקען יעדע מינוט פאר זיינע גרויסע חסדים, וואָס ער טוט מיט אים תמיד, און מער ווי תמיד — דעם איצטיקן זמן, און פאר־געסט ניט דערביי צו דאנקען זיין ליבן נאָמען פאר איר,

---

נע ונדניק: א וואַנדערער. א היימלאָזער.
כפוי טובה: אָן אומדאַנקבאַרער.
בורא עולם: דער באַשאַפער פון דער וועלט. גאָט.
ברכת כהנים (בירכאַס קויהאַנים): דאָס בענטשן פון די כהנים. אין די וויכטיקערע ימים טובים איז א מנהג די כהנים זאָלן בענטשן דאָס פאָלק.
מרה שחורה (מוירע שכוירע): אומעטיקייט. שרעק.
גדלות (גאַדלעס): גרויסקייט. שטאָלץ.

פאר זיין דינה'ן: „אן אמת'ע עקרת הבית! צו וואָס דו שטעלסט זי, קיין עין הרע! ערשט נאָך פסח געקויפט די ציג, און זי גיט אים שוין דעם אנדערן מילכיקן אָנבייסן. ל"ג בעומר איז אויך אַ וואוילע סעודה געווען! חוץ וואָס ער טרינקט כמעט אַלע טאָג אַ גלעזל ווארעמס מיט מילך חוץ די מילך, וואָס זי פארקויפט נאָך. מיט אזא ווייב ווערט מען ניט פארפאלן: ח"ו א שלעכטע צייט, איז זי מיט איר קארגשאפט א האלבע פרנסה! אלא ווידער, אז גאָט ב"ה העלפט — קומט זי אודאי צונויץ! אביסל א האפערדיקע. . . א בעל-כעסנ'טע. . נו, מילא, איז אויך מחמת בריה'שאפט. דאָך ברוך השם... פופצען יאָהר שוין אָפגעלעבט מיט איר — ביז הונדערט און צוואנציק יאָר!"

„שמח בחלקך בחיים יפים... עם לקוחה לך" — פרייט זיך מיט דיין טייל אין דעם שיינעם לעבן צוזאמען מיט דער, וועלכער דו האָסט זיך גענומען — זינגט ער אין זיך א שטיקל פונ'ם היינטיקן פיט, און דערמאָנט זיך ווידער אָן דעם נייעם מחזור און די שמחת-יום-טוב איז פול אי-בער'ן הארץ.

א סעודה האָט ער געטראָפן — טאקע א סעודת שלמה: אי מאליסניק אי בייגעלאך, דבש וחלב! איין חסרון נאָר, וואָס זי מיט די קינדער האָבן ניט געגעסן ביים טיש. נאָר וואָס איז שייך צו זאָגן? בענדיט טיס מעניצער איז ניט אזא איד צו עסן מיט נשים ביי איין טיש. זי ווייסט, וואָס אזא איד, ווי בענדיט, הייסט, דארום איז זי

עקרת הבית (איקערעס האבאיעס): דער תּאָר צו פון הויז. א גוטע בעל הבית'טע.

ח"ו, חס ושלום (כאָס וושאָלעם): זאָל גאָט היטן. זאָל די שעה ניט זיין.

האפערדיק: שטאָלץ. געוואגט.

דאָך א טאָכטער ביי א אידן א תלמיד חכם.

און בענדיט איז א איד א חכם: ער האָט דערקלערט, אז צו אזא סעודה פאסט שוין א גלעזל ווייַן, און האָט א שיק געטאָן איינעם פון הירשעל׳ס ברעקלאַך צו שלמה־האנצי־פייגעס — זיינער א בעל־הבית, א וויינשענקער:

„זאָל ער דיר געבן א פלעשל פון דעם ווייַן, וואָס איך האָב געטרונקען פאר צוויי־וואָכן, ווען כ׳האָב פארהערט דאָס קינד!“

דאָס האָט געדינט אין איין ווענס פאר א שטיקל סימן, ווייל א וויינשענקער קאָן איינפאלן: ער וויל הירשקעס קינד ניט גלויבן אָן א סימן.

דאָס קינד האָט זיך אביסל פארזאמט. ווען ער איז נעקומען מיט׳ן ווייַן, איז שוין די שיסל אויפ׳ן טיש ליידיק געשטאנען. „צום ווייַן וואָלט ניט שלעכט געווען צו פאר־בייסן מיט א בייגעלע“ — טראכט זיך הירשקע — „כ׳ל א פרעג טאָן! איז דאָ — איז דאָ; ניט — ניט!“

און אנשטאָט אָן ענטפער האָט מען דערלאנגט א פרישן טעלער מילכיקס!

„ס׳אָן אשה צנועה, — קוועלט הירשקע אין הארצן — אנגעגרייט גלייך פאר אָן עדה!“

צום בענטשן האָט אים אביסל באַנג געטאָן, וואָס ער

---

אשה צנועה: א באשיידענע פרוי. אָן ערלאַכע פרוי.
עדה (איידע): פארזאמלונג. א גרויסע צאָל מענטשן.

האָט ניט גערופן נאָך א אידן: ס׳וואָלט געווען איצט א מזומן צום בענטשן. וויין איז נאָך דאָ א גלעזל אויף כוס־של־ברכה. אַ חיוב דעם בויך אָנלייגן? ! יעדער אַביסל וויינקער — עסט שוין א דריטער!

אָפּגעבענטשט — האָט בענדיט ארייגגעשריען דער בעל־הבית׳טע אין קיך אַריין: „א גוטן יום־טוב ! דער־לעבט איבער א יאָר!“ עפּעס נאָך צוגעלייגט עטלאכע לשון קודש ווערטער, וואָס נשים פארשטייען ניט. עס האָט זיך ארויסגעהערט פון דאָרט: „גם אתם“ — און בענדיט איז ארויסגעגאנגען.

הירשקע איז ארויסגעגאנגען אין קיך צו דער צופרי־דענער מאמע מיט די זאטע קינדערלאך, זינגענדיק זיך דערביי: „פּוריח תפריח לך ענפים צמודים לשלחנך מקיפים“, — קינדלענדיק לאָזט זי צווייגן בליען ארום דיין טיש. נאָר די קינדערלאָך שטייען ווי אין אַ מיטן ארבעט... קוקן איינס אויפ׳ן אנדערע. . . די מיילאכלאך האלב אָפן, גלייך זיי האלטן אין מיטן קייען... און די „קינדלינדיקע“ דינה קוקט אין א זייט, שווייגט אַנגעלאָדן, גרייט גלייך אויסצושיסן!

שווייגנדיק איז ער, אזוי אויף שטום לשון, אויף „מאן־און־ווייב“־שפּראך — הייסט עס — געוואָר געוואָרן, אז דינה מיט די קינדער האָבן זיך כמעט ניט מילכדיק גע־

---

מזומן: ווייניקסטענס דריי מענטשן וואָס עסן ביי איין טיש. ווען עס איז פאראן א מזומן, זאָגט מען א ספּעציעלע ברכה ביים בענטשן.

כוס של ברכה (קאָס שעל בראָכע): דער בעכער איבער וועלכן מען מאכט די ברכה. ווען מען בענטשט מזומן בענטשט מען איבער א בעכער וויין.

גם אתם (גאַם אַטעם): אויך איר. דער אָנגענומענער ענטפער ווען איינער ווינטשט עפּעס אָן.

מאכט. זי האָט דערזען אַן אורח, איז איר אַ דונער אין הארץ אריין: „סטייטש, ווען זי ווייסט, וואָלט זי זיך מער געווען אָפּגעבן. כאָטש אַ דינעם טייגל געווען אויס־געבאַקן, — פּאַרט אַ פרעמדער מענטש. נאָר וואָס ס'איז שוין געווען, פאַרפאַלן, האָט זי געוואָלט פאַרריכטן מיט דעם, וואָס זי קאָן נאָך פאַרריכטן: „כאָטש אַ סך דער־לאַנגען צום טיש". זי האָט דערלאַנגט כמעט אַלץ צום טיש. פאַר זיך מיט די קינדער זיינען נאָר אַ פּאָר שטיקלאַך גע־בעקס איבערגעבליבן. גלייך אָבער, ווי זי האָט זיך געגנו־מען מיט די קינדער עסן, איז אָנגעקומען אַ שליח פון'ם טיש מיט אַ שאלה: „טאָמער איז נאָך עפּעס דאָ צום ווייַן"! זי האָט דאָס איבעריקע אויך דערלאַנגט... די קינדערלאַך, נעבעך זיינען געבליבן אָן מילכיקס.

הירשקען האָט אַ קלעם געטאָן ביים הארץ: נעבאַך, וויפיל זיי האָבן זיך אָנגעוואַרט אויף דער סעודה! גאַנ־צע טעג האַלט מען אין איין רעדן פון דער מילכיקער סעודה... יעדן פרי־מאָרגן, ווען אַ קינד האָט זיך צוואַויינט, האָט געוואָלט אביסל סמעטענע, אַ שטיקל פּוטער, כאָטש אַ זופּ מילך, האָט עס געכאַפּט פון דער מוטער — באַלד אַ קניפּ, באַלד אַ קלאַפּ, אַ קללה: „מען דאַרף זאַמלען אויף שבועות צו דער מילכיקער סעודה".—און אַט האָסטו דיר אַ מילכיקע סעודה!

— אַז דו האָסט געוואוסט, אַז ס'איז ניטאָ, ווער־זשע האָט דיר געהייסן געבן? — בייזערט זיך הירשקע.

— וואָס דען האָסטו געוואָלט, בעל־הבית מיינער, — ציט דינה ווערטער און ברענט מיט די אויגן, — אַ שוואַרץ פּנים מיר מאַכן?! דער אורח זאָל אַרויסגיין מיך באַ־

רעדן? ! אז שווארצן זאָל דיר בעסער אין די אויגן, וויפיל דו וועסט לעבן, רבש״ע!

— „אשה רעה״! — קומט הירשקע אין כעס און ווארפט איר ווערטער אין קאָפּ אריין.

— „איש טוב״ — קרימט זיך אים דינה נאָך, — אורחים גלוסט זיך אים! א קבצן טאָר קיין מכנים אורח ניט זיין!

— א קבצן בין איך? ווי האָסטו ניט מורא פאר גאָט?

— א גביר ביזטו? שפּילסט זיך! מורה מורנו; ה״ר הירשקע מלמד! א גביר! באנייט און באקליידט! נאָר א קאָץ מיט אן אורח פעלט אים!

— „אשה עיניה צרה באורחין״! האָט הירשקע מיט גרויס כעס ארויסגערעדט, יעדעס וואָרט אזוי שארף, גלייך מיט א האמער געקלאפּט.

דאָס איז שוין צופיל געווען פאר דינה׳ן: וואָלט ער עס כאָטש געווען געזאָגט אויף פּראָסט אידיש, וואָלט עס אפשר ניט געווען אזוי געשטאָכן, ניין! האָט ער עס אָבער געזאָגט אויף דאוונען לשון!

זי פארשטייט עס ניט גרינטלאך, נאָר געננוג, וויפיל זי שטויסט זיך אָן: „אויף איר האָט מען עס נאָך צו

---

מכנים אורח: אריינגעמער פון געסט.

מורה מורנו: אונזער לערער. א טיטול פאר א חשוב׳ן מענטשן.

ה״ר — האדון רב: דער האר רב.

אשה עיניה צרה באורחין (אישא איינעהא צארא באוירכין): די פרוי פארגינט ניט דעם גאסט. א פרוי האָט פיינט געסט.

זאָגן ? ! זי האָט דעם אורח פון מויל אוועקגענעבן !"
און א וואָרט אום א וואָרט — דאָס פּאָר פאָלק איז ווייט פארקראָכן. מען האלט שוין ביי ווייטע חשבונות... א שטאַרק מחלוקת. . . די קינדערלאך שטייען נעבאך — יע־דעם אין א ווינקעלע — האלב טויט ; און די טויטע אבות האָט מען שוין אלע פון די קברים אויפגעגראָבן, אלע חטאים אויסגערעכנט !...

די קיננדערלאך שטייען און ווייסן ניט, ווער ס'איז גערעכט — דער טאטע אָדער די מאמע. זיי האָבן שוין פארגעסן אָן דער מילכיקער סעודה. זיי האָבן זיך אי איבערגעשראָקן, אי פארשעמט : „דער טאטע מיט דער מאמע קריגן זיך גאָר, שילטן זיך... מעג מען דען א טאטן אָדער א מאמען שילטן ?"..

„אָנגעהויבן האָט טאקע די מאמע, — קלערט ביי זיך בנימ'צע דער קליינער — איז דער טאטע גערעכט געווען, נאָר די מאָמע וויינט אָבער... איז שוין ווידער די מאָמע גע־רעכט"...

נאָר ער הערט מען דערמאָנט די נעמען פון די ערשט ניט לאנג געשטאָרבענע צוויי זיידעס — באקומט ער בענ־קענעש נאָך זיי : „ביידע געוועזן אזוינע גוטינקע ! אלע פרייטיק פלעגן זיי אים געבן צו גראָשענס אויף צוקער־קעס".

און הירשקע רעכנט זיך איצט אוים און זעט ערשט, ווי ביטער ער האָט אָפּגעלעבט מיט איר פארשריגענע פופצן יאָר ! ממש — באַ איר אונטערן קנאָפּל ! ער

---

מחלוקת (מאַכלויקעס) : קרינגעריי.

האָרעוועט מיט דער לונג, און האָט ניט קיין ממשלה אויף א קאָפּיקע ניט! שוין צוויי יאָר זינט ער קלויבט זיך אלץ א נייע יארמאָלקע צו קויפן. די אלטע איז שוין חולי חלשות. נאָר פאר יעדן מאָל, אז ס'קומט יום-טוב און ער טוט א פּיפּס: „א יארמאָלקע", שרייט זי זיך אויס און געפינט בילכערס! אָט באוועל די קינדער אויף זעקלאך! אָט א חוב אין קלייט! אָט — מיינע צרות אויף אלע שונא ציון!"

„בענדיט דער טיסמעניצער, דאכט זיך, א נעוד'ניק, דארף מען שוין ערגער? נו, האָט ער געוואָלט — האָט ער זיך די ממשלה און שיקט נאָך אן אָקע ווייַן. און איך, אז איך דארף אויף טאבאק, דארף איך זיך פאר'גנב'נען פאר איר! ס'אן אשה רעה!"

„כ'האָב ניט קיין ממשלה אויף מיין אייגענער קאָפּי־קע!"

און דינה זיצט ביים פּריפּעטשיק און באוויינט דעם טאָג וואָס מען האָט איר דעם קאָפּ צוגעדעקט. א פּשוט'ע דינסט איז זי ביי אים. נאָר א דינסט עסט זיך כאָטש אָן אויף זאט, קליידט זיך לעבן לייטן! און זי? דריי יאָר שוין טראָגט זי איין פּאָר שיך. אלע פּסח איז מיט צרות איידער זי פאררוכט זיי כאָטש. א לאטע אויף א לאטע, אומשטיינס געזאָגט! שטענדיק איז אלץ דאָ בילכערס, אלץ נויטיקערס! דאָ, דירה-געלט, דאָ, אין קרעמעל, דאָ, א בלעטל, דאָ, מיינע צרות אויף שונאי ציון! א פּשוט'ע דינסט — שוין פופצן פאַרוויינטע יאָר, אומשטיינס גע־

---

חולי חלשות (כוילע כאלאשעם): עקעלדיק. אפּגעטראָגן.
דעם קאָפּ צוגעדעקט: חתונה געמאכט.

זאָגט! נאָר א דינסט — אַ געצאָלטס. כ'האָב קיין ממשלת ניט אויף א גראָשן!"

ביידע קלאָגן זיך — זיי האָבן קיין ממשלה ניט... זיי מיינען עס ביידע ערנסט.

„פאלש... פאלש... א פאלשע אשה! און דערצו — א שלאנג!"

„פאלש.. פאלש... א פאלשער מאַן! און דערצו — אַן אכזר!"

און ברוגז זיינען זיי געוואָרן — ניט אויף איין טאָג און ניט אויף איין וואָך.

ערשט אום תשעה באב פארנאכט, ווען הירשקע האָט שוין דאָס דריטע מאָל אונטערגעשיקט פון דער קלויז דעם קליינעם בנים'טשיקן א קוק כאפן, צי האָט די מאמע ניט קיין שווערן תענית, — און בנים'טשיק איז א פלוי־דער זאק, ער האָט ארויסגעגעבן דעם סוד דער מאמען — ערשט דעמאָלט האָט זיך דינה פאַרטראַכט: „ווי ער ציטערט עס אביסל איבער מיר! האלט פון מיר עולם ומלאו! אַן אויסנאַם צווישן מענער! זאָל אונז נאָר גאָט ברוך הוא אויפהויבן דאָס מזל, ווי איז מיר! א שטוב מיט קינדער, קיין עין הרע, און ער האָרעוועט נע־באַך מיט דער לונג".

און ערשט אויף דער נאכט צום אויספאסטן, ווען הירשקע'ן איז פלוצלונג עפּעס ניט גוט געוואָרן, און דינה האָט איינגעלעגט די וועלט, דעם הימל אָקאָרשט ניט איינגעריסן, — ערשט דעמאָלט האָט זיך הירשקע פאר־טראכט:

---

אכזר: א שלעכטער מענטש אָן רחמנות.

„ס׳רא געטרייע זאך ! זיך ממש מקריב פאר מיר ! אָט דאָס הייסט אַן אשה כשרה ! פון „אשת חיל“ ארוים !“

און אז ער האָט זיך דערמאָנט אָן דער שבועות׳דיקער סעודה, האָט ער אָפּגעקרעכצט און זיך געטראכט דער־ביי „מעשה־שטן — צווישן מאַן און ווייב ! קומט נאָר שמחת־יום־טוב — מישט זיך אריין א קלפה רחמנא ליצלן! ס׳פארבלענט, אומשטיינס געזאָגט, די אויגן. ערשט א צרה, אַן אומגליק, א תשעה באב“ — עפנט אויף די אויגן“ !

---

אשה כשרה (אישע קשיירע) : אַ כשרה, אַן ערלאַכע פרוי.
אשת חיל (איישעס כאַיעל) : אַ פייאיקע פרוי. דער נאָ־מען פון אַ קאַפּיטל אין ספר משלה אין וועלכן עס ווערט באַזונגן דער גרויסער ווערט פון א גוטער, פייאיקער פרוי.
מעשה שטן (מייסע סאַטן) : די ארבעט פון שלעכטן מלאך.
קלפה (קליפּע) : נישט גוטער.
רחמנה ליצלן (ראַכמאַנע ליצלאַן) : דער וואָס האָט רחחמנות (גאָט) זאָל אָפּהיטן. ווען מען נוצט דאָס וואָרט קלפּה אָדער אַן אַנדער שלעכט וואָרט, בעט מען באַלד גאָט זאָל אָפּהיטן דערפון.

## פראגן.

וואס פאר א געפילן האבן געבראכט הירשק'ן איינצולאדן
אן אורח ? וואס פאר א געדאנקן און געפילן האט ער געהאט
ווענן זיין דינה'ן ? פאר וואס האט דינה אוועקגעגעבן איר און
די קונדער'ס עסן דעם אורח ? וואס האבן מאן און ווייב גע־
טראכט איינער וועגן אנדערן ווען זיי האבן זיך צעקריגט ? ווער
איז שולדיק אין זייער קריגן זיך ?

# דער חופּה-ראָק

שלמה פייערבערג האָט זיך קיינמאל ניט געקאָנט פאָרשטעלן, וואָס פאַר א טעם וואָלט דער יום טוב געהאַט, ווען ער מיט'ן ווייב, מיט די קינדער, זאָלן לעבן, זאָלן זיך ניט באנייען מיט מלבושים: אַז ניט אַלעס, כאָטש — עפּעס, אַז ניט צוליב דעם רבונו של עולם, איז פּשוט צוליב זיך. די פאַראיאָריקע מלבושים זיינען טאקע אלע גאַנץ, ריין, ווי ניי; גבירישע קינדער זיינען בטבע ניט קיין רייסערס. וויפיל עס טראָגט זיך, איז קיין שפּרענ-קעלע אויף קיין מלבוש ניט צו זען — נאָר דאָך — אלט איז פאָרט ניט ניי! עס זעט גאָר אנדערש אוים דער יום-טוב, דער ערב יום-טוב, ווען צווישן אלע ארבעטן דאַרף מען כאַפּן און שיקן צום שניידער פרעגן: „וואָס הערט זיך מיט די מלבושים"?

ווען ניט דאָס זיצן און וואַרטן אויפ'ן שניידער, ווען ניט דער איבערטראַכט, טאָמער ברענגט מען די מלבושים ניט אָפּ אויף יום-טוב, און נאָך דעם—דאָס מעסטן און פאַר-ריכטן — וואָלט דאָך אין אמתן ערב יום-טוב פון האלבן טאָג ביז ליכט-בענטשן ניט צום איבערטראָגן געווען פון ליידיק ארומגיין.

עס איז פאָרט גאָר אן אנדער יום-טוב, אן אנדער

בטבע (בטעווע): פון דער נאטור. געווענלאך.

דאוונען, ווען דו זעצסט זיך אין קלויז אויף דיין שטאָט און פילסט אויף זיך דעם תענוג פון נייע קליידער.

א האלבער „תענוג יום-טוב" ! א גאנצע נשמה יתירה — זייגען ביי שלמה'ן נייע קליידער !

דאָך האָט קרעסיע זיין ווייב קיינמאָל קיין נויט ניט געהאט ארייגצושטעלן נאָך א קאסטן אין שטוב אריין. איר איז אין די אלטע קאסטענס אויך ניט ענג, ווייל עס פירט זיך א מנהג פון אלטע אידישע גבירים ביי זיי אין הויז די גאנצע צוואנציק יאָר, זינט זי האָט חתונה געהאט פאר שלמה'ן : אלע ערב פסח ווערן אלע אלטע מלבושים אין שטוב צונויפגענומען, אויסגעטרייסלט, אויסגעגלעט און צעטיילט צו אָרעמע לייט. און דעמאָלט ערשט פלעגט שלמה'ן מיט קרעסיען באַקומען די נייע מלבושים, וואָס זיי האָבן באַנייט. דעמאָלט ערשט פלעגט שלמה ביים באַנייען דאָס יום-טוב'דיקע, ערנסט זאָגן : „ברוך מלביש ערומים" און ביים וואָרט, „ערומים", נאקעטע, פלעגט זיך א גליקלאַכער שמייכל צעגיסן איבער זיין פּנים; א זעלטענער שמייכל, וואָס נאָר ביי גרויסע נאַראָנים אָדער ביי גאָר גרויסע חכמים איז אזא שמייכל צו זען.

— זאָלסט דערלעבן צו צערייסן געזונטערהייט ! פלעגט קרעסיע, באטראכטנדיק דאָס מלבוש, ווי עס ליגט אויף אים, אזוי אין דער לופט אריין א זאָג טאָן.

---

תענוג (טייניק) : פארגעניגן. געגוס.

נשמה יתירה (נעשאָמע יסיירע) : אן איבריקע, א צוגע־געבענע נשמה. לויט א אידישער לעגענדע באזעצט זיך אין מענטשן אויף שבת און יום טוב א צווייטע, א יום-טוב'דיקע נשמה.

ברוך מלביש ערומים (באָרוך מאַלביש אָרומים) : גע־בענטשט זאָל זיין דער וואָס קליידט די נאקעטע. א ברכה וואס מען מאכט ביים אָנטאָן א נייע מלבוש.

— אָן עבירה! בעסער צעטיילן אָרעמע לייט!

— עס רעדט זיך אַזוי! — פֿאַרענטפֿערט זיך קרעסיע.

איין אויבער־ראָק נאָר איז נצול געוואָרן אין די אַלע צוואַנציק יאָר פֿון דער חלוקה. אַלע יאָר נעמט מען אים אַרויס. מען טרייסעלט אים אויס; מען בערשט אים אויס; און עס ווערט אַ קלעראַכטס: יאָ אַוועקגעבן, ניט אַוועקגעבן?

קרעסיע דרינגט, אַז דאָס מלבוש איז שוין לאַנג אַרויס פֿון דער מאָדע; נאָר שלמה קנייטשט זיך, און עס בלייבט מען זאָל עס צוריק אין קאַסטן אַראָפּלייגן.

פֿאַרשידענע צייטן — גוטע און גאָר גוטע, שלעכטע און גאָר שלעכטע — זיינען אויף שלמה׳ן שוין געקומען. דאָך האָט דער מנהג ניט אויפֿגעהערט פֿון שטוב, כאָטש מיט עפּעס מוז מען כאָטש איין אָרעמאַן אויף פּסח מהנה זיין; נאָר דער ראָק איז פֿון קאַסטן נאָך ניט אַרויס.

דער ראָק איז נאָך פֿון דער חתונה. אין דעם ראָק איז ער געגאַנגען מיט קרעסיען אונטער דער חופּה. שלמה האָפֿט אַז אין דעם ראָק וועט ער מיט קרעסיען פֿירן די ערשטע טאָכטער צו דער חופּה.

און דעמאָלט, פֿאַנטאַזירט שלמה אָפֿט — אַז ער וועט דערלעבן די גליקלאַכע מינוט, וועט ער זיך אַוועקזעצן מיט קרעסיען, טאַקע אין ראָק, און אַזוי שווייגנדיק וועט ער זיך אומקערן מיט איר אין דער יוגנט אַריין.

אַלע צוואַנציק יאָר וועט ער איבערגיין. ניט איינעם פֿון די אַלע זכרונות וועט ער ניט פֿאַרפֿעלן.

ער וועט אין די זכרונות גיין צוריק פֿון די לעצטע

---

נצול (ניצעל): געראַטעוועט.
מהנה (מהאַנע זיין): צופֿרידענשטעלן.

צו די ערשטע יאָרן, כדי דער תענוג זאָל גיין שטאַרקער. כאָטש וואָס צום מאָל פאַלט ער אין ספק אַריין: ער פילט ניט, אַז זיין פאַרבינדונג און... ווי זאָל ער עס רופן? — האַרץ־פאַרקער — צו זיין קרעסיען זאָל אַצינד קילער זיין ווי פריער, פאַרקערט: אים דאַכט זיך אָפטמאָל, אַז זי זיצט אים איצט טיפער אין האַרצן. נישטאָ די יונגע היץ, וואָס זאָל אָנצינדן דעם קאָפּ און דאָס האַרץ, ס'זאָל אַרויס־רופן צופיל שבועות און פאַרזיכערונגען פון איינעם צום אַנדערן; נאָכדעם — צופיל פאָדערונגען איינער ביים צווייטן; נאָכדעם — רוגז'ען און פרעטענזיעס אויף עט־לאַכע טעג, נאָך וועלכע עס טוט אים נאָך אויך היינט באַנג! אומזיסט און דורך נארישקייטן האָט ער פאַר־לוירן טעג פון לעבן! פאַרבראַכט אין זיצעניש מיט אַראָפּ־געלאָזטע קעפּ אין די ווינקעלאַך...

איצט ווייסט ער ניט פון ליבע־פייער, חלומות! ער פילט „זי" נאָר פאַר זיינעם אַ האַלבן גוף. אָן איר פאַר־שטייט ער ניט, וואָס וואָלט ער געווען און צי וואָלט ער עפּעס גאָר געקענט זיין?

אין איר ווייסט ער, אַז ער געפינט איצט די אייגענע קרעסיע, די יפת־תאר פון כלה־וויַז, ווען ער פלעגט קיין־מאָל ניט קאָנען וויסן פּינקטלאַך, וואָס פאַר אַ אויגן זי האָט, ווייל ווען זי פלעגט אויף אים קוקן, פלעגט ער אַראָפּ־לאָזן דעם קאָפּ, און ווען ער פלעגט אויף איר וואַרפן אַ בליק, פלעגט זי פאַרלירן די אויגן.

קרעסיע איז די אייגענע, נאָר גלאַט די יוגנט פאַר זיך צו געדענקען — שאַפט אויך אַ באַזונדער פאַרגעניגן. עס איז אים אַנגענעם צו גדענקען אפילו קרעסיעס

יפת תאר (יפאַס טויאַר): שיינע געשטאַלט. שיינהייט.

שוועער טראָגן און צו־קינד גיין: א זיסן צער שאפּט עס אים אָצינד. אז קרעסיע פּלעגט זיך אמאָל אָנ׳ברוגז׳ן אויף אים, פּלעגט זי דעם ראָק ארויסנעמען פון קאסטן און אויפ־הענגען אין שאפע.

אלעס, אלעס ליגט אין בוזעם־קעשענע פון דעם ראָק. ניט אומזיסט האָט זיך דער ראָק אזוי געהיט ביי אים. ניט אייביק אָבער איז געווען גוט.

שלעכטע יאָרן זיינען געקומען אויף שלמה׳ן. א צאָרן איז אויף אים אויסגעגאָסן געוואָרן! יעדעס יאָר ווייזט זיך אלץ אוים — ער פּארדינט, פּארדינט, און אויפ׳ן סוף יאָר איז א לאָך! ער גייט אראָפּ פון יאָר צו יאָר. ער האלט שוין ביי פרעמד געלט.

ער האָט געכאפּט און א שידוך געטאָן מיט׳ן עלטערן קינד, כאָטש זי איז נאָך ניט קיין איבערגעוואקסענע, נאָר פּשוט, ווייל ער האָט דערפילט, אז שפּעטער וועט זיך קיין פרעמד קערבל ביי אים שוין אויך ניט דרייען. זאָל ער כאָטש פון גאנצן יריד דאָס אָפּשפּאָרן — א קינד צו לייטן ברענגען.

קיין נייע מלבושים מאכט מען זיך שוין ניט צו; קיין אלטע צעטיילט מען שוין ניט. מ׳איז גערן, אז מען קאָן זיך אליין ווי עס איז אָנטאָן.

דער שטילער דלות איז אים פאראוים געלאָפן. ער איז געבליבן ביי גאָר ניט — איידער ער האָט די טאָכטער צו לייטן געבראכט.

שלמה זיצט אָפט גאנצע טעג אין שטוב, ביי זיין טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף אַ האַנט און האָט טענות צום רבונו של עולם.

---

דלות (דאַלעס): אָרעמקייט.

פאר וואָס איז אים דאָס געקומען?

צי פלעגט ער קיין צדקה ניט טיילן ווי איינער פון די גרעסטע? צי פלעגט אן אָרעמאַן פון זיין שטוב הונגעריק ארויסגיין?

דער שוחט, דער חזן, דער רב, דער בעדער, די קלויז, דער שמש — ווער פלעגט פון אים ניט נהנה זיין?

אין גראָבע עבירות קאָן ער זיך ניט חושד זיין... דאָך א מענטש — א בשר ודם! אפשר האָט ער אויף זיך חטאים, וואָס ער ווייסט פון זיי ניט. נאָר זיינען דען יענע איבעריקע גבירים פון שטאָט לייטעשער פון אים?

ער זעט פיל פון זיי — ראבעווען, גזל'נען, פראַצענט און פראָצענט פון פראָצענט — און זיי וואקסן וואָס גרעסער.

„פאר וואָס קומט עס מיר?"

און ער קאָן זיך די זאך אנדערש ניט פותר זיין, ווי נאָר — אז ס'איז א נסיון פון אויבן...

דער רבונו של עולם שטעלט אים צו די פּרואוו: „ווי אזוי וועט ער זיך פירן אין אָרעמקייט?" א שטייגער — אזוי ווי איוב'ן...

דערמאָנענדיק זיך אָן איוב'ן — ווארפט ער אן אויג אויף קרעסיען מיט די קינדער און עס כאפט אים אָן א ציטער:

ער ווייסט, אַז איוב'ן האָט מען געפּרואווט ניט בלויז

---

פותר (פויסער) זיין: דערקלערן, פארענטפערן.
א נסיון (ניסאיען): א פּרואוו אויסצוגעפינען די שטארקייט אדער ערלאַכקייט פון א מענטשן.
איוב (איעוו): א ספר פון תנ"ך אין וועלכן עס דערציילט זיך ווי גאָט האָט אָרעם און קראַנק געמאכט א רייכן און גאָטספאַרכטיקן מענטשן אויסצופּרואוון אים צי וועט ער בלייבן גאָטס־פאַרכטיק אויך אין אָרעמקייט און נויט.

מיט׳ן פארמעגן.

ער איז פארטיק מוחל צו זיין דעם רבונו של עולם אַלצדינג, אַבי מיט ווייב און קינדער זאָל ער אים ניט שטעלן צום נסיון.

בעת ער איז פארטיפט אַט אזוי אין די געדאנקען, עפנט זיך די טיר.

אַן אָרעמאַן איז אריינגעקומען שטיל, גלייך ער גייט ניט אויף דער ערד. ער האָט זי־ אוועקגעשטעלט אין מיטן שטוב.

שלמה האָט אויפגעהויבן די אויגן און באטראכט דעם אָרעמאַן.

פון אונטער א היטל — גרעסער פון דער מאָס — האָט ארויסגעקוקט א שווארצער, געקרויזטער קאָפּ.

עס איז קאַנטיק, אז די האָר זיינען ניט געוואוינט צום ברוך, וואָס ליגט אויף זיי. לעבעדיקע, נאָר פארשעמטע אויגן... א בלייכס נאָר ניט קיין אויסגעמאטערט פנים... די הויזן קורץ און צעריסן, א רעקל א קורצס... אויפגע־שפּילעט, ווייל עס קאָן זיך ניט צונויפגיין. דער גאנצער הילוך — נאָר ווי אומיסטן צונויפגעקליבן אויף צום באַוואונדערן.

שלמה איז איבערראשט געוואָרן: אים איז געקומען אויפ׳ן געדאנק: אפשר איז דאָס א נסיון?

אפשר שטעלט אים גאָט אצינד צו דער פּרואוו?

ער האָט זיך אין דער לעצטער צייט געפונען אין אזא קריטישער לאגע. ווען אומגליקלאכע האָבן פון דער ווירק־לאַכקייט גאָר ניט צו דערווארטן, דעמאָלט זיינען זיי גרייט האָבן צו טאָן מיט מלאכים, און צו דערווארטן נסים.

---

ברוך: שטויב, שמוץ.

„שיינקט עפּעס אַ נדבה!“ האָט זיך געלאָזט הערן איבער׳ן שטוב, גלייך די ווערטער גייען ניט אַרויס פון אַ מענטשלאַכער ברוסט.

שלמה כאַפּט זיך צו דער קעשענע, נאָר דאָרט האָט זיך גאָר ניט געפונען. ער איז געבליבן אַ פאַרלוירענער. ער האָט נאָר צענומען די הענט.

„וואָס טוט מען?“ האָט עס געטייטשט: „צו דער רעכטער מינוט איז ניטאָ אַ קאָפּיקע!“ דער אָרעמאַן האָט זיך געלאָזט אַרויסגיין — אויף דער שוועל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אומגעקערט.

„אפשר געפינט זיך ביי אייך איין אַלטער ראָק, אַ קאַפּטאַן אָדער וואָס?“

שלמה האָט אויפגעצויגן די ברעמען. דער מח מיט׳ן האַרץ האָבן אויף איין רגע זיך געלאָזט אין דער אַרבייט. ער האָט אויפגעלעבט:

„יאָ, יאָ. זייט מוחל! זיצט אַ ווײַלע! אָט גיב איך!“

ער איז צוגעלאָפן צום קאַסטן, געעפנט, גענישטערט. געטאַפּט אין דער פינסטער און אַרויסגעקראָגן דעם חתונה־ראָק.

איידער ער האָט אים אוועקגעגעבן, האָט ער אים אין אַלע קעשענעס — גלייך ער האָט פון דאָרט אַרויס־צונעמען פאַרגעסענעם — אויסגעטרייסלט, באַקוקט און — אוועקגעגעבן.

ער האָט ניט געהערט וואָס דער אָרעמאַן האָט עפּעס געזאָגט דערביי. איינציקע אָפּגעריסענע ווערטער נאָר זיינען אים דורכגעלאָפן דורכ׳ן אויער, אָנגערירט און צו־

---

גענישטערט: געזוכט.

גאַנגען זיך אין דער לופט.

„געקומען פלוימען קויפן, פון דער ווייט, פון דער שטאָדט מ. אין בעסאראביען... גענעכטיקט אין א דאָרף... ניט ווייט... באַ׳גנב׳עט אפילו די שטיוועלעטן.. דעם פאספאָרט... מען מוז גיין אין די הייזער.. ברכות״..

ער איז צופיל געווען פארנומען מיט זיך און האָט ניט געקאָנט הערן, וואָס דער אָרעמאַן שעפּטשעט.

עס איז איבעריקענס ניט אזוי נויטיק צו הערן. ער ווייסט דאָך — ס׳איז א נסיון — און גענוג! וואָס דארף ער הערן די אויסריידן מיט דעם אלעמען?

גענוג פאר אים, וואָס ער איז אויסגעשטאַנען.

ווען דער אָרעמאַן איז ארויסגעגאַנגען, האָט אים שלמה נאָכגעקוקט.

דעמאָלט האָט אים עפּעס אַ שטאָך געגעבן וואָס ער האָט דעם ראָק אוועקגעגעבן. עס דאכט זיך — עס פעלט אים אויס פלוצלונג א שטיק פון אינוויייניק...

נאָר פון איצט אָן, גלויבט ער, דארף זיך אלעס אָנ־הויבן — אומקערן צוריק, — די ערשטע גליקלאכע יאָרן! אָרעמע לייט וועלן ווידער ארויסגיין זאט פון זיין שטוב. די טאָכטער וועט ער, אי״ה, אפשר נאָך דאָס יאָר צו דער חופה פירן...

נאָר אָן דעם ראָק.

ער האָט אפילו קרעסיען ניט געוואָלט דערציילן דער־

---

שטיוועלעטן : שיך.

אי״ה : אם ירצה השם (אים יערצע האשעם) : אויב גאָט וועט וועלן. א מענטש דארף ניט זיין זיכער בא זיך און זאָגן וואָס שפּעטער וועט זיין. ווען מען רעדט פון וואָס מען וועט שפּעטער טאָן גיט מען דאריבער צו אָט דעם אויסדרוק, אי״ה, מיט גאָטס הילף.

פון. ער וועט איר דערציילן, אם ירצה השם — דער־נאָך...

דאָס אומגליק וואָס האָט געטראָפן די שטאָדט, וועלכע איך ראט אייך, ווי גלייך מען ראט מיר, איך זאָל זי פאר'ן מויל ניט ברענגען — האָט אים אויך פארכאפּט...

קיין גרויסן געלט שאָדן האָט ער ניט געליטן, ווייל קיין געלט האָט ער ניט פארמאָגט, קיין פּאָרטאָפּיאנען — ניט געהאט... מען האָט אים נאָר ארויסגעלאָזט אין הוילן העמד.

די טאָכטער איז לעבן געבליבן.

נאָר קרעסיע...

אזא טויט איז אים קיינמאָל אויפ'ן גדאנק ניט געקו־מען!

געבליבן איז ער ממש נאקעט. נאָר אידן בני רחמנים לאָזן ניט פאלן: פון נאָענט און פון ווייט שיקט מען מלבושים און געלט. אפילו פון מ..

שלמה'ן איז שווער צו גיין בעטן, נאָר דער קאָמיטעט האָט אים אין זין:

מען האָט אים אָפּגעשיקט אהיים.

די טאָכטער צעפּאקעוועט דאָס פּעקל און באַגיסט יעדן מלבוש מיט טרערן.

זי נעמט ארויס א ראָק... זי דערלאנגט אים דעם פאָטער.

ער קוקט אָן דעם ראָק, און עס נעמט אים כמעט אָפּ דאָס לשון.

ער האָט דערקאָנט זיין ראָק!

---

דאָס אומגליק: דער פּאָגראָם אין אָדעס.

אידן, בני רחמנים האָבן זיך געזאָרגט פון שלמה'ס וועגן. מ'האָט זיך צונויפגעוואָרפן אויף נדן און חתונה־הוצאות.

דער רב האָט געהייסן וואַרטן איין־און נײַנציק טעג... און שטעלן א חופּה.

שלמה האָט דאָס יאָר חתונה געמאכט די טאָכטער; אלעם איז געוועזן.

דער ראָק האָט אויך ניט געפעלט.
נאָר קרעסיע האָט געפעלט.

## פראַגן.

וואָס האָט מען ביי פייערבערגן געטאָן מיט די אַלטע מלבושים? פאַר וואָס האָט ער אַזוי טייער געהאַלטן דעם חופּה־ראָק? ווען האָט ער דעם ראָק דאָך אָוועקגעגעבן? פאַר וואָס ווי אַזוי איז זיין פרוי געשטאָרבן? וואָס איז דער גרונד־געדאַנק פון דער דערציילונג?

# חיים ראָזענבערג

חיים ראָזענבערג, א מאַן פון א יאָר עטלאַ־כע און פערציק, מיט א גרויען קאָפּ, מיט א ברייטן, אויסגערונצלטן שטערן, מיט א ברייטער און לאַנגער ווייסער באָרד, ווי א זעכציק־יאָריקער זקן — זיצט פּורים בייטאָג איינער אליין פאַר'ן טיש אויף א סאַמעטענעם שטול, איינגעהילט אין א זיידענעם שלאָף־ראָק, אראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ צו דער ערד, אַזוי אַז ס'איז ניט קענטיק, צי טראָגט ער א שווערע משא אויפ'ן קאָפּ, צי האָט ער דאָרט אונטער'ן טיש עפּעס אַן אַנטיק דערזען, און קאָן פון דאָרט די אויגן ניט אָפּרייסן. אין צימער איז יום־טוב'דיק צוגעקליבן; די אַדר־זון שיינט אריין דורך די גרויסע אויסגעווישטע דאָפּל־פענצטער און באַלייכט דאָס טעפּל בלומען, וואָס איז אויסגעמאָלט אַקעגן אויף דער הרובע, גלייך זי וויל די בלומען לעבעדיק מאַכן, איינ־רוימען זיי: „אין דרויסן איז באַלד פרילינג!" דער טיש איז פאַרשפּרייט ווי אַלע פּורים. עס פעלן נאָר די פּורים קוילעטשן, די פלעשער וויין, און די קופּקעלאַך קליי־נע מטבעות, וואָס פאַראַיאָרן.

עס פעלט אַביסעלע פרייליכקייט אויך.

קיין פלאָדן פעלט אים ניט, ווייל ער האָט א תירוץ: דער עולם ווייסט, אז ער איז אַן אבל נאָכ'ן פאָטער... מען

---

הרובע: אַן אויוון פון שטיין.

אבל (אָוועל): איינער וואָס טרויערט נאָך א טויטן.

ווען אים ניט שיקן, ער וועט יענעם ניט שיקן.

עס פעלט עפּעס נאָך... ווי לויט פאַריאָרן... נאָר דאָס ווייסט שוין נאָר דער קאַלטער אויוון אין קיך.

דאָס ווייב האָט ער פאַרזאָרגט מיט דרייסיק קאָפּי־קעס, וועלכע ער האָט קוים צונויפגעקליבן אין משך פון צוויי דריי וואָכן, גע׳גנב׳עט צוביסלאכווייז ביי זיך אליין; ער האָט זיי אויסגעביטן אויף קליינע מטבעות כדי זי זאָל האָבן אויסצוקומען פאַר אלע אָרעמע לייט, וואָס ווייסן נעבאך פון גאָר ניט צו זאָגן, און וועלן זיין הויז אודאי ניט איבערהיפּערן.

„נאָך גוט וואָס די קינדער האָבן זיך אלע פאַרנומען צום שוואָגער. דאָרט וועט זיי פריילאכער זיין.“

און אליין האָט ער זיך אוועקגעזעצט אינ׳ם ווייטסטן צימער, וואָס ווייטער פון דער טיר.

דאָך ביי יעדן קלאַפּ פון דער טיר, וואָס ס׳הערט זיך פון דאָרט, טוט אים א קלאַפּ אין האַרץ.

ער ווייסט זיכער, אז דער אָרעמאַן איז ארויסגעגאנ־גען ניט צופרידן. ניט אזוי איז מען געוואוינט פורים ארויסצוגיין פון זיין שטוב!

ער ווייסט, מיט וואָס פאַר מי זיין צביה צווינגט זיך דאָרט אַרויסצוגעבן זיין גראָשן! ער לײַדט מיט איר איינעם! „ס׳אַנ׳אשה צנועה! — קרעכצט ער אָפּ — וואָס זי ליידט נעבאך איבער די לעצטע צייט!“

נאָר ווען ער הערט, אז דאָרט איז שטיל, אז די טיר עפנט זיך זייער זעלטן, בלייבט ער אומעטיק, טרויעריק, און ער קוקט זיך אום אויף די הויכע, געמאָלטע ווענט

---

אשה צנועה: א באַשיידענע. א געהאָרכזאַמע, געטרייע.

פונ׳ם צימער, ווי א פארצווייפלטער. ער וויל ניט אז אָרע־מע־לייט זאָלן אויסלאַזן זיין שטוב!

„אוי, ר ב ש " ע! — זיפצט ער — וואו זיינען אהינגעקומען מיינע ימים טובים? ערשט פאראיאָרן — וואָס דאָ האָט זיך איבערגעטאָן! כמעט א האלבע שטאָט איז געווען! וואָס ווישניאק מען האָט דאָ אויסגעגאָסן! די „ס א ד י ג ו ר ט ש י ק ע ס" מיט די „ב אָ י אָ נ ע ר" האָבן זיך אזוי פאר׳שכור׳ט, אז מ׳האָט זיך איבערגעבעטן, צוקושט זיך פלוצלונג, זיך ארומגעכאפט און געטאנצט".

„און וואָס געלט איך האָב צעטיילט!"

„האָט זיך מיר געגלוסט א וואלד מיט א פּ אָ ס ע־ס י ע! האָט מיך דער רוח געטראָגן קיין אָדעס מיט ווייץ! שיקט גאָט אָן א שריפה אויף מיין שותף! איז דיר ווייניק, גיי־זשע, מענטש, קויף אָן צוקער! ארוים בדיל הדל! נאָך גוט, וואָס קיין פרעמד געלט ניט אויפגעגעסן! ניט אויפגעגעסן? סטייטש אזוי פיל שולדיק אין אלע קלייטן. מען וויל שוין מער ניט באָרגן!"

און וואָס טוט מען ווייטער? מילא פורים — איז

רבש"ע—רבונו של עולם: האר פון דער וועלט. גאָט.

סאדיגורטשיקעס—סאדיגורער חסידים. באָיאָנער—באָיאָנער חסידים. סאדיגורע און באיאן זיינען נעמען פון שטעט. יעדע פון די צוויי שטעט האָט געהאט א בארימטע פאמיליע פון רביים. די רביים פון די צוויי שטעט האָבן געהאָט חסידים אנהעננער איבער גאנץ רוסלאנד און פוילן, און זיי פלעגן צווישן זיך שטענדיק פירן א קאמף.

פּאָסעסיע—א גוט: א הויף מיט לאַנד וואָס ווערט אָפּגעדונגען פון דעם אייגנטימער—א פריץ.

בדיל הדל (בדיל האדאל): פאראָרעמט.

פּורים, דאנקען השי״ת, שוין באלד איבערגעקומען. נאָר אָט גייט פּסח״...

ער דערמאָנט זיך אָן פּסח, און ס׳הויבט אים אויף פון׳ם אָרט.

„וואָס טוט אזא איד ווי איך? — פיר וואָכן צו פּסח, און א קאָפּיקע איז ניטאָ וואו צו קריגן״...

מיט איינעם טרייסט ער זיך נאָך: „די וועלט ווייסט ניט, דאכט זיך, וואָס מיט מיר טוט זיך. די שטוב פון דרויסן — נאָך אַ גביר׳שע. איי איך האַלט קיין דינסט ניט? זיינען דאָ פיל גבירים, וואָס האלטן ניט קיין דינסטן גלאט פאר קארגשאפט!״

ער דערמאָנט זיך אָבער, אז באלד וועלן די פּרנסי־העיר קומען, לויט דער מנהג פון שטאָט, נאָך מעות־חטין... ער געדענקט אז דעם מנהג האָט ער אליין צוריק מיט עטלאכע יאָר איינגעפירט: מען זאָל פּורים ארומ־גיין נאָך מעות־חטין... „פּורים, האָט ער דעמאָלט דער־קלערט, האָט יעדער איד א „לב־טוב,״ אן אָפּענע האנט! דאָס מעות חטין וועט מער מאכן! און טאקע דעם זעלבן טאָג, אָדער אויפ׳ן צווייטן טאָג זאָל מען צעשיקען וועמען און וויפיל מען דארף. אפשר דארף נעבאך יענער אין א קלייט אריין, צו א שניידער אָנקומען, זאָל ער עס האָבן

---

השי״ת—השם יתברך (האשעם ייסבאָרעך): זיין נאָמען זאָל זיין געבענשט . גאָט. לויט דעם אידישן דין טאָר מען ניט דערמאָנען גאָט׳ס נאָמען. דאָריבער זיינען פאַראַן פאַרשידענע אינדירעקטע אויסדרוקן פאר גאָט. ווי השי״ת, רבש״ע, דער וואָס לעבט אייביק, א. א. וו.

פּרנסי העיר (פּאַרנסיי האָאיר): די פירער פון שטאָט.

מעות חטין (מאָעס כיטן): געלט אויף מצות פאַר אָרע־מע לייט. אין א סך ערטער, שטיצע פאַר אָרעמע לייט אויף פּסח, נישט דווקא פאר מצה אליין.

צו דער צייט."

„מען וועט מסתמא צו מיר אויך קומען! וואָס וועל איך זיי ענטפערן?"

עס לאָזט אים ניט רוען... ער הויבט אָן שפּאַנען אי־בער'ן צימער, אויף ווייכע קאָווייאָרן, פון וואַנט צו וואַנט.. ער שפּאַנט ניט, ער לויפט ווי אַ דערשראָקענער...

„און אפשר וועלן זיי ניט קומען? מיך איבערלאָ־זען?"

„וואָס הייסט — מיך איבערלאָזן?! פאַר וואָס?!"..

ער הערט די קיך־טיר עפנט זיך ברייט און רוישנדיק.

„דאָס גייען זיי אַ פּנים".

עס האָט אים אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן; ער איז געבליבן אין מיטן צימער מיט'ן קאָפּ אַראָפּגעלאָזט, זו־כענדיק אין געדאַנקען עפּעס אין דער גיך אַ תירוץ, אַן עצה.

נאָר אויפ'ן אָרט פון די פּרנסי־העיר איז אַריינגעקו־מען דער בריווטרעגער מיט אַ רעקאָמענדירטן בריוו.

אַרויסלאָזנדיק דעם בריווטרעגער, האָט ער, אַביסל פאַרוואונדערט, אביסעל נייגעריק, געעפנט דעם בריוו און איז ווי פאַרהילצערט געבליבן: ער האָט דאָרט געפונען אַ צען־רובלדיקע מיט אַ קליין קוויטעלע, אויף וועלכן ס'איז געווען אָנגעשריבן אָן אונטערשריפט: „בתורת גמילת חסד".

פונקן האָבן אים אָנגעהויבן פליען פון די אויגן. די

---

בתורת גמילת חסד (בסוראס גמילאָס כעסער): אלס גמילת חסד. א הלואה וואָס מען גיט איינעם ניט צוליב פּראָ־צענט. נאָר אַ טובה צו טאָן. ווען מען וויל איינעם ניט באַליי־דיקן שענקנדיק אים געלט, גיט מען עס אים אַלס גמילת חסד. דאָס הייסט, מען באָרגט אים.

בענקלאַך פון׳ם צימער גייען אים אנטקעגן... .

ער ווייסט שוין דעם נוסח פון „בתורת גמילת חסד"...

ער האָט פאַרגעסן אָן זיינע חשבונות — „וועגן פּסח ביז פּסח", אָן די „חובות" און אָן אלעמען.

„רבש"ע! דערביי האלט איך שוין?" האָט ער ווי ביי די ווענט געפרעגט.

„ווי פאלן זיי עס אוים?! אזא העזה צו האָבן?! האָט ער פלוצלונג, כמעט, זיך צעשריען: „ווער האָט זיי געבעטן?! איך בין נאָך רייכער פון זיי!" ער ווארפט אַן אויג אויף די קאַוויאַרן, אויף די ברייטע מיט מערלע פאַרהאנגענע שפּיגלען, אויפ׳ן איבעריקן מעבל און שאַצט זייער ווערט אויפ׳ן קאָפּ...

„איך בין נאָך היינט אויך רייכער פון זיי! קבצנים! ווי האָבן זיי עס געוואגט! ווי האָבן זיי זיך׳ם אונטער־געשטעלט?!"

ער האָט זיך באַשלאָסן טאַקע שוין אויפזוכן אויף דער פּאָסט, ווער ס׳האָט דעם בריוו אויפגעלייגט... תיכף עס אָפּטראָגן... און יענעם טאַקע גוט אָפּבאָדן אין א הייסער באָד... ער וועט אים ווייזן...

ער ווענדט זיך צום פענצטער אַ קוק צו טאָן אויף דער גאַס, אויב ער וועט קאָנען זיך דערשלאָגן צו דער פּאָסט אָן קאלאָשן.

דורכ׳ן פענצטער האָבן זיך געוויזן די פּרנסי־העיר... זיי גייען פאַרביי זיין הויז און שטעלן זיך אָפּ. עס איז צו דערקאָנען אז זיי ווייסן ניט, ווי זיך צו פּאַסן — ניט אריינצוגיין, ניט אוועקצוגיין. ענדלאַך זיינען זיי דאָך אריינגעגאנגען.

---

העזה: פרעכהייט. געוואגטקייט.

חיים איז געבליבן א פארלאָרענער. ער וויל פון דרך ארץ וועגן זיי עפּעס א וואָרט זאָגן... זאָל כאָטש ניט אזוי שטיל זיין אין צימער... ווי צווישן שטומע.. נאָר ער געפינט ניט וואָס צו זאָגן. זיי הויבן אָן א שמועס וועגן וועטער אין דרויסן, וועגן היינטיקע גבירים און „דאָס יאָריקע“ אָרעמע לייט... נאָר דער שמועס קלעפּט זיך ניט.

חיים האָט א צי געטאָן מיט'ן שטערן, און ס'איז אים פּלוצלונג ליכטיק געוואָרן אין די אויגן...

ער האָט ארויסגענומען דאָס צעטערל: „אודאי מעות־חטין ?... נאָט אייך מיינס !... השי"ת זאָל העלפן א סך געבערס און ווייניק נעמערס !“

די פרנסי העיר האָבן זיך איבערגעקוקט, געוואונשן א „כשר'ן פּסח“ און ארויסגעגאנגען.

חיים איז געבליבן ביים טיש צוריק פארזונקן אין זיינע אומעטיקע געדאנקען.

---

דרך ארץ (דערעך ערעץ): אכטונג, רעספּעקט.

## פראַגן.

ווי האָט זיך חיים ראָזענבערג געפירט ווען ער איז געוועזן רייך? וועלכן מנהג האָט ער געהאלפן איינפירן אין שטאָט? איבער וואָס איז ער באאונרואיקט און פאַרזאָרגט? ווער האָט אים געשיקט די צען רובל? פאַר וואָס זיינען די פרנסי העיר אריינגעגאנגען צו אים נאָך מעות חטין ווייסנדיק אז ער איז פאַר־אָרעמט געוואָרן?

## אפרים מלמד

גוטער כשר'ער מלמד! א מצבה וויל איך דיר שטעלן! . . .

כאָטש אין פאַספּאָרט איז ער פארשריבן געווען: „פּרויקא גערש־קאָוויטש שאמאש", איינוואוינער פון יענער און יענער שטאָט, מעשטשאַנין פון דער און דער שטאָט, וועלכע ער האָט פאר זיינע אויגן קיינמאָל ניט געזען, אָבער באמת האָט ער געהייסן אפרים מלמד און צו דער תורה פלעגט מען אים אויפרופן „בן רב צבי"; און וואוינען איז ניט שייך צו זאָגן. ער האָט ניט געוואוינט אויף איין אָרט. ער איז אַן אמת'ער נע־ונד'־ניק געווען, כאָטש זינט ער לעבט איז ער פון שטאָט ניט ארויסגעפאָרן.

דער גוף זיינער האָט זיך טאקע שטענדיק געפונען אין שטאָט, נאָר אפרים מלמד איז ניט קיין גוף מענטש געווען, וואָס זאָל אלצדינג רעכענען נאָכ'ן זינדיקן חומר, אומשטיינס געזאָגט. דער עיקר אין אים איז דאָך די נשמה, און זיין נשמה איז תמיד א נע־ונד־ניצע געווען.

---

מצבה (מאַצייווע): מאָנומענט. א שטיין מיט אַן אויפ־שריפט וואָס ווערט געשטעלט אויפ'ן קבר צום אנדענק פון פאַר־שטאָרבענעם.

מעשטשאַנין: בירגער. שטאָט־איינוואוינער.

נע־ונד'ניק (נאַ וואַנאַרניק): א וואנדערער, א היימלאָזער.

האָבן זיך אָנגעהויבן די ווינטערדיקע סדרות פלעגט ער זיך נאָכשלעפּן מיט זיינע קליינע תּלמידים׳לאך נאָך די אבות הקדושים קיין מצרים, קיין גרר; אומעטום האָט ער אָבער אָן עכּוב: אָט איבער שרה׳ן, אָט איבער רבקה׳ן, אָט ווערט ער א בורח אינאיינעם מיט יעקב אבינו פאר עשו הרשע, און ציט זיך מיט די תּלמידים פון באר שבע קיין בית אל, פון בית אל קיין חרן. דאָרט פאלט ער אריין צו לבנ׳ן אין די הענט אריין.

און די תּלמידים זיינען גוטע קינדערלאך — אפרים מלמד פלעגט זאָגן, ער האָט נאָך קיין שלעכט קינד ניט געהאַט — זיי האָבן ליב דעם רבי׳ן פאר דער שיינער תּורה, וואָס ער לערנט מיט זיי; קיינמאָל ענדיקט זי זיך ניט; תּמיד איז מען אויפ׳ן וועג, אין פעלד, אין געצעלטן, א מלחמה אויף כדרלעומר, קרעניצעס גראָבט מען, א לייטער צום הימל...

זיי גייען נאָך נאָכ׳ן גוטן רבי׳ן, וואָס נוצט קיינמאָל ניט דעם קאַנטשעק און פיטערן מיט יעקב׳ן לבנ׳ס טשע־רעדעס לעמעלאך, שווארצע, ווייסע, טערקאטע, — פלוצ־

---

סדרות (סעדרעס): טיילן פון דער תּורה. די תּורה איז איינגעטיילט אין 54 טיילן. יעדע וואָך ווערט אין שול געלייענט איין טייל אָדער סדרה. אין אמאָליקן חדר פלעגן קינדער לער־נען חומש ניט כּסדר, נאָר יעדע וואָך די סדרה וואָס מען האָט דעם קומענדיקן שבת געלייענט אין שול. אפרים מיט זיינע תּלמידים לעבן איבער די פארשידענע געשעענישן פון וועלכע עס דערציילט זיך יעדע וואָך אין דער סדרה.

אבות הקדושים: די הייליקע עלטערן, אברהם, יצחק, יעקב.

עכּוב (איקואוו): אָפּהאַלט. א שטערונג צו גיין ווייטער.

קרעניצעס: ברונימער.

לונג אנטלויפן זיי מיט יעקב׳ן ביינאכט איבער׳ן יבוק און שלאָגן זיך מיט א מלאך, און גרייטן זיך צו א מלחמה אויף עשו הרשע, און מען שענקט אים א „כאבאר“ פון עטלא־כע טשערעדעס, און מען פארשלעפט זיך גליקלאך קיין סכות.

איז א מעשה מיט דינה׳ן אין שכם, איז מען זיך נוקם אָן די שכם׳צעס — און ווידער ויברח; ווערט א שנאה צווישן יעקב׳ס קינדער, וואָס זיינען דערווייל אונטערגע־וואַקסן, פאַרקויפט מען יוסף׳ן קיין מצרים; קומט פוטיפרע, זליכה, א בלבול... אפרים מלמד פירט די קינדערלאך צו יוסף׳ן אין תפיסה אריין און זיצט דאָרט מיט אים ביז ער פירט אים אריין צו פרעה׳ן אין פאלאץ און מאכט אים פאר איין עלטסטן איבער מצרים.

דאָ מוז אפרים מאכן א הפסקה: חנוכה האָט אָנגע־יאָגט. גיסט ער דריידלאך פון בליי. א חריף איז ער אין די ענינים. ער ציט זיך ארוים מיט זיינע תלמידים׳לאך קיין ירושלים, און פירט מתתיהו׳ן מיט זיינע זין אויף ליזיאסן, טייכן בלוט ווערן פאַרגאָסן, כאָטש אפרים איז בטבע ניט קיין שלעכטער. אַז ער זעט „דם“, ווערט אים שלעכט אויפ׳ן הארצן, נאָר „עס העלפט דאָך ניט, — פאר־

---

יבוק (יאבוק): דער נאָמען פון א טייך אין מזרח ארץ־ישראל.

הפסקה (האַפסאָקע): איבעררייס.

חריף (כאַריף): שארף. א חריף, א פלינקער, א שארפ־זיניקער מענטש.

ער ציט זיך ארוים קיין ירושלים: חנוכה קומט אויס אין דער צייט ווען אין די סדרות פון דער וואָך ווערט דערציילט פון די אידן אין מצרים און די געשיכטע פון חנוכה איז פאַרבונדן מיט ארץ ישראל. ער ציט זיך אַרוים פון מצרים קיין ירושלים מיינט, ער הויבט אָן דערציילן וועגן חנוכה.

ענטפערט ער זיך פאַר די קינדערלאַך: „אַז מ׳האָט צו טאָן מיט שלעכטע יונים, שופך דם׳ניקעס, איז קיין ברירה ניטאָ“.

געענדיקט מיט׳ן קריגל בוימל אונטער׳ן כהן גדול׳ס חותם, פירט אפרים זיינע תלמידים פון ירושלים צוריק קיין מצרים. ער ברענגט אַהין יעקב׳ן מיט גרויס כבוד... יעקב שטאַרבט, כביכול, ער בענטשט די קינדער... און פלוצלונג פילן זיך די תלימדים׳לאך אינאיינעם מיט׳ן רבי׳ן אין גלות! ציגל קנעטן זיי מיט די בני ישראל... פרעה הרשע נעמט א וואנע פון אידיש קינדער־בלוט...

דער גאנצער ווינטער גייט אוועק ביי אפרים מלמד, ביז ער זעט זיך מיט די קינדערלאך ארויסגעכאפט פון מצרים.

וויפיל מעשיות זיי ווערן געוואָר, וואָס שטייט גאָר ניט אין חומש! אפרים לערנט אויסווייניק מער ווי אינ־ווייניק. וויפיל עס קאָסט אים אָפּ דער בונט פון די בני אפרים, וואָס האָבן געוואָלט זיך אויסלייזן פון מצרים...

און די קינדערלאך מאכן אלע מאָל קולאקעס, און עס דאכט זיך זיי, אז דאָס זיינען זיי די בני אפרים. דער גוטער מלמד האלט זיי קוים איין.

א קליין אָרט טיילט אפרים אָפּ מרדכי׳ן מיט אסתר׳ן. ער פארזאמט זיך ווייניק אין שושן: עפּעס געפעלט אים ניט אזוי די מעשה.

---

יונים (יוואָנים): גריכן.
שופך דמ׳ניקעס: בלוט פארגיסער.
צוריק קיין מצרים: ער קערט זיך אום צו לערנען די סדרות פון דער וואָך אין וועלכע עס דערציילט זיך ווייטער פון די אידן אין מצרים.
בונט: אויפשטאנד. רעוואָלט.
מרדכי מיט אסתר׳ן: די מעשה פון פורים.

און ווען הימל און ערד בייטן זיך איבער, און פויגע־לאָך זינגען שיר השירים אנטקעגן דער נייער פרילינגס זון, דענסטמאָל לאָזט זיך אפרים מיט די תלמידים ארוים אין ברייטן מדבר און ריכט אָפּ גלות פונ׳ם בארג סיני קיין „קברות התאוה“, און רוימט אוים קורח׳ן מיט זיין עדה, שטראָפט די מרגלים, נעמט איין סיחון ועוג, און קערט איבער וועלטן.

חורבן צייט כאַפּט ער זיך ווידער אַריין קיין ירושלים און אינאיינעם מיט זיינע תלמידים, באַוויינט ער די חורבונות; אינאייעם מיט ירמיהו׳ן גייט ער ארום אויף די בערג און רייסט קברים. ער זעט צו מיט זיינע אויגן, ווי בארמהערציקע מוטערס קאָכן אָפּ די קִינדער; ער זעט ווי ירושלים ברענט צוויי מאָל... מיט טיטוס׳ן און נבוכדנצר׳ן האלט ער מלחמה, און אלץ אין איין צייט... ער גייט אין גלות קיין בבל, קיין פּרס, קיין אדום... וואָס ער לעבט אביסל איבער אין די דריי פארוויינטע וואָכן! ביז גאָט העלפט אים, שבת נחמו גייט איבער, קומט ער צוריק אין זיין רו אריין, אין מדבר, הייסט עס, ביים ירדן, און נעמט זיך לערנען צוריק מיט די תלמידים, ווי מען דארף זיך אויפפירן אין ארץ ישראל.

„כי תבא בכרם רעך: אז דו וועסט קומען אין א פרעמדן גאָרטן, זאָלסטו עסן, וויפיל דיין הארץ גלוסט, נאָר אין די קעשענעס טאָרסטו ניט...“

---

חורבן צייט: די דריי וואָכן פון מיטן תמוז ביז נאָך תשעה באב. די טעג פון טרויער אין וועלכע עס איז צוויי מאָל חרוב געוואָרן ירושלים און דער בית המקדש.

שבת נחמו (שאבעס נאַכאמו): דער שבת פון טרייסט. שבת נאָך תשעה באב ווען מען לייענט אין שול דעם מפטיר וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער נחמו נחמו עמי, טרייסט מיין פאָלק. דאָס איז קאפיטל מ (40) פון ישעיה.

— נו, און דער גוי פונ׳ם גאָרטן ? שטעלן אוים אויף אים די קינדערלאך פאראינטערעסירטע פנים׳לאך.

— איי, איי, איי, נאַראָנימלאַך, קינדערלאך — צע־לאכט זיך דער גוטער מלמד : אין ארץ ישראל א גוי ? ! אלע גערטנער זיינען דאָך אידישע ! עס איז דאָך דאָרט נוהג פאה, לקט, שכחה, תרומה, מעשר ! היינט־זשע פרעג איך אייך, אדרבה : מה ענין גוי צו דעם אלעמען ?

— נו, און א הונט ? שטעלט זיך איין אן אנדער קינד און פרעגט.

— וואו קומען כלבים ? וואָס טויג א „כף־למד־בית" אין ארץ ישראל ? ער קאָן דאָך דעם בעל־הבית גופא בייסן ! מען שמועסט דאָך : אידישע גערטנער, כרמים הייסט עס, און אן עק !

— אידישע גערטנער ? !

— פשיטא ! נאָך וואָס פאר א גערטנער ! וואָס פאר חדושים פון פרות ! איר ווייסט, וואָס ס׳הייסט זבת חלב ודבש ? ס׳איז דער טייטש : עס גיסט זיך דאָרט האָניק מיט מילך, טייטלען, פייגן, אתרוגים, מילגראָמען !...

---

פאה (פייע) : די תבואות וואָס וואקסן ביי די ברעגן פון פעלד. דאָס האָט מען ניט געטאָרט שניידן. עס האָט באלאנגט צו דעם אָרעמאן, וואָס האָט ניט געהאט קיין אייגן פעלד.

לקט (לעקעט) : די זאנגען וואָס פאלן ארונטער אויף דער ערד ביים שניידן, האָבן אויך באלאנגט צום אָרעמאן און פרעמדן וואָס האָבן ניט קיין אייגן פעלד.

שכחה (שיקכע) : די בינטלאך וואָס מען פארגעסט באם איינזאמלען די תבואה. דאָס האָט דער אָרעמאן און דער פרעמע־דער אויפגעקליבן.

תרומה (טרומע) : א טייל פון דער תבואה וואָס איז אָפּ־געגעבן געוואָרן צום כהן, אלס מתנה צו גאָט.

מעשר (מאסער) : א צענטל. א צענט־הלק פון יעדער זאך. דאָס האָט געדאַרפט געבראכט ווערן אין בית־המקדש, פאַר די לוים.

און קינדערלאַך פאַרגלאַנצן די אויגעלאַך. א שמייכל פון חלומ׳דיקע איז ביי זיי אויסגעגאָסן אויף די פּנימ׳לאַך, א פייער פון בענקעניש האָט זיך אין די הערצלאַך אָנגעצונדן נאָך ארץ ישראל.

און זיי פאַרזיצן זיך שפּעט, קוקנדיק אויפ׳ן רבי׳ן און הערענדיק זיינע מעשיות וועגן ארץ ישראל. זיי פאַרגעסן גאָר, צי איז היינט זומער לעב, צי קאָן מען אין דער צייט פאַרפירן א שפּיל אויף דער גאַס. ביז די רבי׳צן קומט אריין און בטל׳ט אויס אלע חלומות אויף אפרים׳ס קאָפּ אינאיינעם מיט אלע שונאי ציון: „וואָס איז דער מער מיט דיר, דו בטלן? עס איז דאָך שוין מנחה-צייט!“

אָט אזוי איז געווען אפרים א נע-ונד׳ניק א גאַנץ יאָר. ער האָט ארומגעבלאָנדזשעט אין מצרים, פּרס, ירושלים. בבל, מדי, אדום, אמלק, חרן, מדבר פּרן. ניטאָ פאַר אים קיין פריער און שפּעטער, קיין נאָענט און ווייט, ניטאָ קיין סוף צו דער זאַך. אזוי ווי דער בעל-קורא ענדיקט שמחת-תורה אין קלויז: „לעיני כל ישראל חזק ונתחזק“, אזוי שפּרייט מען אויס א נייעם הימל פון אלטן טלית און אידן שטעקן אַרונטער די קעפּ און מען הויבט אָן אויף דאָס ניי:

---

בעל קורא (באַל קוירע): דער מאַן וואָס לייענט. דער וואָס לייענט די תורה אויף דער בימה אין שול.

לעיני כל ישראל: דער לעצטער פּסוק אין דער תורה.

„בראשית ברא אלהים“...

נאָר ער בלאָנדזשעט ניט אליין, עס גייען אים נאָך: די קליינינקע בני ישראל. אן עבירה נאָר, וואָס צייטנווייז איז אים מבלבל די ארורה, די אפרים׳קע, מיט אירע דאָנער־שטיקן. ער האַלט מיט די קינדער ביים מן אין דער מדבר, וואָס האָט געהאט אלע טעמים, און מיט אמאָל קומט זי אריין מיט איר „חלה אויף שבת“! אפשר ווייסט איר, וואָס אפרים קער זיך אָן מיט דער אפרים׳קע? און וואָס האָט זי די „בעזדיעטניצע“, אין גאנצן אים געטויגט? דאַכט זיך, אַז אפרים מלמד איז געבאָרן געוואָרן נאָר צו־ליב אידישע קינדער וואָס ער האָט זיי אזוי ליב געהאט.

פאר קאָנקורענץ האָט אפרים ניט מורא געהאט. ער איז געווען א מאמין אין השגחה: „וואָס אים איז באַ־שערט, וועט קומען אין שטוב אַריין“! און דערפאַר האָט ער ניט געוואוסט דעם צער פון בין הזמנים און פלעגט פאַר־ברענגען די טעג צווישן יום כפור און סכות מיט זיינע תלמידים צוזאמען. ער פלעגט זיי אויף כלומר׳שט לערנען די ברכה איבער אתרוג און סכה, אָבער אין אמת׳ן איז אַן אנדער כונה געווען דערביי: א וועג האָט ער געמאכט

---

בראשית ברא אלהים: דער ערשטער פסוק פון דער תורה. שמחת תורה ענדיקט מען לייענען די תורה און מען הויבט אָן פון דאָס ניי. דערביי ווערט אויסגעשפרייט א טלית ווי א חופה, דער סימבאָל פון הימל, פאַרשטעלנדיק דאָס בילד ווי די אידן זיינען מקבל די תורה.

מבלבל (מוואַלבל זיין): צעמישן די געדאנקען.

ארורה: פאַרשאָלטענע. שלעכטע פרוי.

בעזדיעטניצע: קינדערלאָזע. איינע וואָס האָט ניט קיין קינדער.

א מאמין אין השגחה (מאַמין, האַשגאַכע): א גלויביקער אין דער געטלאַכער באַשטימונג, אַז אַלעס איז באַשטימט פון גאָט.

מיט די תלמידים קיין ארץ ישראל. ער האָט זיי געדאַרפט ווייזן, וואו אתרוגים וואַקסן, פון וואַנען מען שניידט לולבים. ער האָט זיי געדאַרפט דערציילן א מעשה ווי אמאָל האָבן אינגלאַך פאַרשטיינערט מיט די אתרוגים א כהן גדול, א צדוקי, א באַהאַלטענער רשע, הייסט עס.

פאָנען האָט ער זיי געדאַרפט איינטיילן. מעשה השגחה! צו זיינע תלמידים פלעגן אָנקומען פאָנען נאָר פון „דגל מחנה אפרים".

און אז ס'איז געקומען די נאַכט פון שמחת־תורה... דאָס איז געווען דער איינציקער שכר זיינער פאַר א גאַנץ יאָר: שכר למוד האָט דאָך אייגענטלאַך געהערט צו דער אפרים׳קע.

קיינער האָט ניט געקאָנט וויסן, ווען און וואו האָט זיך אפרים אָנגעשכור׳ט. די אפרים׳קע האָט מעיד געווען אויף אים, אַז שמחת־תורה שטייט אפרים אויף פון שלאָף — א שכור׳ער.

געקומען איז ער אין קלויז אַריין מיט׳ן קאַנטשעק. דאָס איז געווען דאָס איינציקע מאָל אין יאָר, וואָס דער קאַנטשעק איז אין זיין ראָליע. שמייסן פלעגט ער מיט אים די גרויסע אידן, וואָס זיינען געווען אמאָל זיינע תלמידים, דערפאַר, וואָס זיי טאַנצן שלעפעריק אַנטקעגן דער תורה:

„שטאַרקער! שטאַרקער! העכער! פליגלדיק! משה שמח בשמחת תורה! שמח, שמח, שמח!..."

און קינדערלאַך מיט פאָנען אין די הענט שטייען

---

צדוקי: איינער וואָס האָט געהערט צו דער פּאַרטיי פון די צדוקים, צדוקים און פּירושים זיינען געווען צוויי פּאַרטייען ביי אידן, אין דער צייט פון צווייטן בית המקדש.

מעיד געווען: ערות׳ געזאָגט.

אַרום רבי׳ן, פאַררייסן צו אים די יום־טוב׳דיקע פּנימ׳לאַך. ניש׳קשה: מען מעג דענסטמאָל א צופּ טאָן דעם רבי׳ן ביים שטריימל. אפרים וועט ניט ברוגז זיין. אַלצדינג מעג מען טאָן, וואָס איז א מרבה שמחה אויף די קינדער!

— צאָן קדשים: וואָס קומט א כהן גדול א צדוקי?

— סקיל־ה־ה־ה!

— צאָן קדשים! מיט וואָס פאַרשטיינערט מען א כהן גדול?

— מיט אתרוגים!

— צאָן קדשים! משיח וועט קומען?

— יאַ־אַ־אַ!

— וואוהין וועט ער אונז פירן?

— קיין ארץ ישראל!

— און אז איך וועל ניט קאָנען גיין פון עלטער, וועט איר מיך טראָגן?

— יאָ! איך! רבי, איך, איך! האָבן צענדליקער קינדער אויסגעשריען און אַרויסגעשטעלט פלייצעלאַך.

שטאַרקער איז געוואָרן די שמחה אין קלויז. עס האָט זיך אידן געגלויבט, אַז די קינדערלאַך, גבורי־אפרים׳לאַך, וועלן ברענגען משיח׳ן און אוועקטראָגן די אַלטע לייט אויף די פלייצעס קיין ארץ ישראל. די אידישע נגינה, וואָס אין איר, פון וואָס פאַר א טעמפּ זי זאָל ניט זיין, הערט זיך אַרוים האַרץ־צופּענדיקס, בעטענדיקס, האָט זיך ארויסגעריסן פון אלע הערצער, און האָט זיך שיער־שיער

---

מרבה שמחה: פאַרגרעסערט די שמחה.

ניט אַריינגעכאַפּט אין נוסח פון „שיר המעלות ממעמקים“. אין איר איז געלעגן אַ פריילאַכער מאַרש פאַר משיח'ן, אַ בענקעניש קיין ארץ ישראל און אַ שטיקל תנועה פון אַ גלות תפילה.

דאָס איז געווען אפרים'ס נאכט.

נאָר אויף איינמאָל...

אָן עקשנ'טע — די אפרים'קע! איינגעשפּאַרט האָט זי זיך, זי וויל אים ניט בעטן אין סוכה: אַ קאַלטע נאַכט האָט איר אויסגעוויזן. „ווּעסט זיך נאָך צו אַלדע שוואַרצע יאָר, שונאי ציון, פאַרקילן!“

אָט וואָס אַ קליפּה קאָן! ער האָט זי, מאָלט אייך, געהערט, ווי די קאַץ, און איז געשלאָפן אין סוכה אויף די הוילע ברעטער.

אין דער פרי איז ער געגאַנגען דאַוונען מיט אַ שטעכעניש.

אין דאָקטוירים האָט אפרים ניט געגלויבט. דעם צווייטן טאָג סכות איז ער ניט געגאַנגען דאַוונען.

שמחת תורה אויף דער נאַכט האָט זיך דערפילט ביים עולם אַז אפרים פעלט. די קינדערלאַך זיינען אומגעגאַנגען כצאן בלא רועה, ווי חיל אָן אַ גענעראַל. אַ צער איז געווען צו קוקן אויף זיי.

איינעם פון די קינדער איז איינגעפאַלן אַ געדאַנק:

---

שיר המעלות ממעקים: אַ קאַפּיטל פון תהילים, וואָס ווערט געזאָגט מיט אַ טרויעריקן נגון.

תנועה: קנייטש.

זי וויל אים ניט בעטן אין סוכה: פרומע אידן פלעגן ניט נאָר עסן אין סוכה נאָר אויך שלאָפן אין איר, ווייל אין אמת'ן דאַרף מען וואוינען אין סוכה אַזוי ווי די אידן אין דער מדבר האָבן געוואוינט אין די געצעלטן, אָדער שפּעטער די אידן אין ארץ ישראל, אין דער צייט פון איינזאַמלען די תבואות.

— קינדער, לאָמיר גיין צום רבי׳ן.

— אודאי!

די רבי׳צין האָט פלוצלונג דערזען ביי זיך א פּאָר צענדליק קינדער מיט פּאָנען אין די הענט, האָט זי גע־וואָלט אויסבטלען אַלע חלומות; נאָר אפרים האָט זיי מיט א גליקלאכן שמייכל צוגעצויגן.

טרויעריק זיינען די קינדערלאך געשטאנען פאר אים מיט די פּאָנען אַראָפּגעלאָזט, ווי א חיל צום אונטערגעבן זיך. זיי האָבן קוים דערקענט זייער רבי׳ן. אויפ׳ן אָרט וואו אַמאָל האָבן געפלאַמט צוויי באַקן, זיינען היינט צוויי גריבער. די נאָז איז לענגער און שפּיציקער געוואָרן. עס זעט אין גאַנצן אוים נאָר ווי א שאָטן פונ׳ם רבי׳ן. גע־בליבן אין אים זיינען נאָר די צוויי גוטע ברענענדיקע און ציענדיקע אויגן.

— צאן קדשים! פריילאך אין קלויז?

די קינדער האָבן זיך דערשראָקן פאר׳ן קול. עס האָט זיי אויסגעוויזן, דער רבי רעדט מיט זיי דורך א וואנט.

— ניין! האָט איינער געענטפערט.

— ניין?!

א כמארע איז אים איבער׳ן פּנים אריבערגעלאָפן. באלד האָט ער אויף זיי געעפנט ליכטיקע אויגן.

— צאן קדשים! איר וועט מיך פירן אין קלויז אריין?

— יאָ, יאָ, רבי! האָבן אלע פריילאך געענטפערט.

— האָרכסטו! גיב מיר מיין שטריימל מיט דער שבת׳דיקער קאַפּאָטע.

די אפרים׳קע האָט אויף אים אויסגעשטעלט א פּאָר

אויגן. זי האָט זיך ניט געגלויבט, צי מיינט ער דאָס ערנסט.

„היינט גיי גלויב אַ מאַנסביל — טראַכט זי באַ זיך — אז ער קרעכצט"...

זי האָט געפּרואווט געבן אים די הלבשה. ער האָט זיך שווער אָנגעטאָן, ביי יעדן ריר האָט ער זיך פאַרביסן א ליפּ, און א רויטלאכער שיין האָט זיך געוויזן אויפ'ן פּנים. די יום־טוב'דיקע נשמה, וואָס האָט זיך אריינגעצויגן אין אים האָט געוואָלט אָפּלייקענען דעם חומר, אז להד"ם, ס'איז א ליגן! ניטאָ קיין שטעכעניש, קיין קאָפּ־דרייע־ניש, קיין שווערער אָטעם — גאָר ניט.

שווערלאַך איז ער ארויסגעגאַנגען. די קינדערלאַך האָבן אים אונטערגעהאַלטן. נאָר בּיסלאַכווייז האָט ער זיך בייגעקומען. די קינדער האָבן אריינגעבראכט א געזונטן רבי'ן אין קלויז אַריין מיט אַ פריילאַכן מאַרש.

א שמחה איז געקומען אויפ'ן קלויז: „אָט, וואָס קינדער קאָנען!" האָבן זיך פאָטער'ס פאַרוואונדערט.

אפרים האָט פאַרגעסן זיין שטעכעניש. ער האָט זיך אין גאַנצן ארויסגעצויגן פונ'ם גוף. ער זינגט אויף זיין שטייגער: „הושענא ציון המצוינת!" ער איז ניט אין דעם עולם: ער שוועבט ארום ירושלים, אויפן הר המוריה, ער מאַכט הקפות אַרום בית המקדש...

— צאַן קדשים! משיח וועט קומען?

— יאָ, רבי!

— וואוהין וועט ער אונז פירן?

— קיין ארץ ישראל!

— און אז איך וועל ניט...

— וועלן מיר אייך טראָגן אויף די פּלייצעס! —

האָבן די קינדער אויסגעכאַפּט און פאַרלאָפן מיט זייער ענטפער.

א פלוצימדיקע שמחה איז געקומען אויפ׳ן עולם. אלע האָבן געגלויבט צו זען אין די קליינינקע — משיח׳ם דור. מיט אמאָל האָט אויסגעריסן ביי אלעמען א ווילדער געזאַנג, וואָס האָט אויסגעזען ווי א געשריי פונ׳ם הארצן ארוים, און וואָס קומט נאָר צו פארשרייען די נארעשע ווירקלאכקייט...

---

אז אפרים איז אומגעפאלן, איז ער ניט געפאלן גלייך אויף דער ערד. קינדערלאך האָבן אים דערכאפּט ביי די ארבל און האָבן אים פאמעלאך אַפּגעלאָזט.

שטיל איז געוואָרן מיט אמאָל. היבשע עטלאכע מי־נוט נאָך דעם האָט זיך קיינעם ניט געגלויבט, אויב ער האָט געלאָזט די הייליקע נשמה: א שמייכל איז אים געבליבן אויסגעגאָסן אויפ׳ן בלייכן פנים. עס האָט אויס־געוויזן, ער זינגט אין זיך.

להד״ם — לא היו דברים מעולם: עס איז גאָר קיינמאָל ניט געוועזן. ס׳איז א ליגן.

---

## פראגן

איז וואָס פאר א זין איז אפרים געוועזן א נע־ונד׳ניק? וואָס איז געוועזן אפרים׳ס באַציאונג צו די מענטשן און צו די קינדער? וועלכע צוויי זאכן האָבן אים פארשאפט גליק און צופרידנקייט? ווי אזוי איז אפרים געשטאָרבן?

# ביים טייך

אז מען פרעגט ביי יאַנקעל „דעם וואַסער־דיקן": ווי לאנג שטייט שוין זיין הייזל דאָ אויפ'ן ברעג טייך? — נעמט ער ציילן פאַר אייך אויף די פינגער: איינס, צוויי, דריי, פיר... פיר גרויסע געוויסערן א חוץ קליינע, געדענקט ער אויפ'ן שטיבל. וויפיל יאָר איז אריבער פון איין געוויסר ביז'ן צווייטן — דאָס קאָן אייך יאַנקעל ניט זאָגן: ווייל די יאָרן זיינען ביי אים אזוי ענלאך איינס אויף דאָס אַנדערע, אַז אלע אינאיינעם פאַרפלאָנטערן זיך אין איין לאנגער צונויפגעקנייטשטער שטיק צייט, — א פאַרפלאָנטערט שטיק פיש־נעץ, וואָס דאַרף זיך געפינען צווישן איין געוויסר און דעם אַנדערן. עס זיינען פאַראַן אין דעם שטיק צייט זיסע נעכט, ווען ער לייגט זיך ווי א בן־מלך און זיין מולטער־שיפל, וואָס גליטשט זיך אויפ'ן גלאַטן, שטילן וואסער, פון הינטן שלעפּט זיך נאָך א נעץ אין דער שטיל און ווערט וואָס פולער, וואָס שווערער פון גאָט'ס ברכה, פון אלערליי פיש... פיש, זאָגט יאַנקעל, איז א אידישע כשר'ע זאך, באשאפן געוואָרן פאַר שבתים ווענן, אפילו פון טאַקסע זיינען זיי דאָך פּטור!

---

געוויסערן: פאַרפלייצונגען. ווען דאָס וואסער גייט אריבער די ברעגעם פון טייך.

טאַקסע: אָפּצאָל.

עס זיינען פֿאַראַן אין דער צייט בייזע פּרייטיקן ווען ער דאַרף זיינע פֿיש פֿאַרקויפֿן די זיצערינס, וועלכע מוזן אי „קנייפּן" ביים וואָג אי „ציפּן" פֿונ׳ם פּרייז. יאַנקעל האָט שוין באַמערקט אַז דאָנערשטיק און פֿרייטיק זיינען אַלע ווייבער קליפּות, וואַסער־שלענג.

עס זיינען פֿאַראַן אין דער צייט שבתים. שבת איז עפּעס אַ באַזונדערס, וואָס איז ניט קיין מחותּן מיט יענע טעג. שבת גייט ער דאַווענען אין שטאָט אַריין, און אַז ער קומט אַהיים, עסט ער ניט קיין ווערטשערע, נאָר אַ „סעודה" מיט קידוש פֿאַר און זמירות נאָך דער סעודה. אין די זומערדיקע אָוונטן זעצט ער זיך אַוועק ביים ברעג טייך אינאיינעם מיט ווייב און קינדער. יאַנקעל זאָגט: דער טייך ווייסט אויך פֿון שבת. איר זעט דען ניט? ווייזט ער די קינדער, אָט קוקט ווי ער רוט:

און קינדער קוקן און זעען.

— ווייסט פֿון וואַנען גאָט האָט באַשאַפֿן פֿייער? — נעמט ער דעם קליינעם זון, אַ חדר־אינגל, פֿאַר׳ן בעקל און פֿרעגט:

— פֿון וואַנען? שפּאַרט יענער אויס אייגלאַך, וואָס פֿינקלען אין דער שבת׳דיקער טונקעלקייט, וואָס ביים טייך.

— פֿון וואַסער!

— פֿון וואַסער?

— פֿאַרשטייט זיך, ער האָט געריבן די אויבערשטע וואַסערן אָן די אונטערשטע, איז אַרויס פֿייער, אַז ניט,

קנייפּן ביים וואָג: ניט וועגן פּינקטלאַך. ניט דערוועגן.
ציפּן פֿונם פּרייז: אַראָפּדינגען, נישט באַצאָלן.
ווערטשערע: אָוונט־עסן.

נארעלע, ווי דען וואָלט וואסער געקאָנט לעשן פייער?

מיט די מיידלאך לאָזט ער זיך ניט אריין אין אזעלכע טיפע חקירות. דאָס זיינען פלאַטשעקע קעפּלאַך. זיי פרעגט ער נאָר רעטענישן:

„ניט אויפ'ן הימל, ניט אויף דער ערד; ניט קיין פיס, ניט קיין הענט; וואוהין מען שיקט עס, גייט עס, וואָס מען הייסט עס, כאפט עס — וואָס איז דאָס?" און ער לאָזט זיי פיל ניט טראכטן: איר ווייסט ניט? סטייטש — א שיפל! א שיפל! אויפ'ן וואסער!....

גאָט'ס שטול, זאָגט ער, איז פון פייערדיק וואסער... ווען דער מענטש זאָל ניט זיין זינדיק, וואָלט ער געוואוסט צו פראַווען פון פיש אַלערליי מאכל-מלכים. מיט וואסער בענטשט גאָט די צדיקים און שטראָפט די רשעים. אין א געוויסר הערט מען גאָט'ס קול.

קומט צו רייד פון געוויסערן, פאלט ער אריין אין זיינע „פיער איילן", און עס ווייזט אויס, אז יאנקעל האָט געבלאָנדזשעט אין דער פרעמד, און איז פלוצלונג געקומען אין זיין היים.

קינדער רוקן זיך צו נענטער. סאָסיע דאָס ווייב, דרייט זיך אויס מיט'ן פנים צום שטיבל, און יאנקעל דער־ציילט פון געוויסערן:

„דאָס ערשטע געוויסר האָט פארכאפּט ביינאכט. שטיל, נאָר פינצטער איז דער טייך געווען פון פאר־נאַכט אָן, ווי אַן אשה רעה. פישער האָבן ליב אזא ווא־

---

פראַווען: מאכן. צוגרייטן.

מאכל־מלכים (מאכעל מלאכים): קעניגלאך עסן. גוטע עסנס.

אשה רעה (אישע ראָע): א שלעכטע פרוי.

סער: טונקל וואסער גיט פּרנסה. נאָר איך... פון תמיד אָן — אזא טבע ביי מיר — אז איך זע ניט קיין לבנה און שטערן אין טייך, חלומ׳ען זיך מיר בייזע חלוֹמות.

ביינאכט האָט מיר עמעצער אָנגעקלאפּט אין פענצ-טער. אויפגעשטאנען, ארויסגעגאנגען. א נפש ניטאָ. ווער האָט עס געקאָנט קלאפּן?

ביים טייך איז ניט שטיל; טראכט איך — ווער זאָל זיך דאָרט קריגן אזוי שפּעט? מען שרייט זיך איבער איינאנדער... איך פארשטיי ניט קיין וואָרט...

זאָג איך „ויהי נועם" און לאָז זיך צום ברעג. וואו איז דער ברעג?

דאָס וואסער איז מיר אקעגן געגאנגען קפיצות-ארץ.

די ניש-גוטע, וואָס ביים וואסער, האָבן מיך פאר־שריגן, און אז איך האָב זיך אָנגעשטויסן, וואָס דאָ איז, האָב איך זיך קוֹדם-כל געוואָרפן צום מיליטער שיפל. שוין פארמאָגט אן אייגענם. א פליג אָן פליגעלאך קאָן נאָך קריכן, א פישער אָבער אָן א שיפל איז א פיש אויף דער יבשה.

אַ אינגעלע געהאַט, א יאָסעלע, מיט א געקרויזט קע-פּעלע. ווען דאָס וואסער זאָל אים ניט געווען אויסכאַפּן, וואָלט ער געלערנט בעסער פאר אייך אלע, שקצים, וואָס איר זענט!

---

טבע (טעווע): נאטור, געוואוינהייט.

ויהי נועם (וויהי נויאם): עס זאָל זיין דער גוטער ווילן פון גאָט. א תפילה, וואָס מען זאָגט, ווען מען איז אין געפאר. איינע פון די תפילות פון קריאת שמע לייענען, וואָס פרומע אידן זאָגן פארן שלאָפן גיין.

— ווי אזוי אויסגעכאפּט ? — פרעגן די קינדער אויפ־געררייצט.

סאָסיע לאָזט ארויס א זיפץ אין דער שבת'דיקער לופט אריין, און יאנקעל בייט דאָס אָרט און זאָגט :

ניט אים, ניט מיך האָט דער טייך געמיינט. א שלעכ־טן שכן געהאַט ביים ברעג, א שטיקל פּריץ; זיינע הינט פלעגן תמיד אָנפאַלן. גאָט זאָל אייך היטן פון אַ שלעכטן שכן. ביי אים האָט דאָס וואסער אויסגעריסן בנינים, פולע קאמערן, בוימער. גאָט האָט זיך גערעכנט מיט אים פונ'ם וואסער.

— נו ?

— געשוואומען איז זיין גוטס אויפ'ן וואסער. חוזק האָט גאָט געמאַכט פון אים : אנו, רייץ אָן דעם הונט אויף מיינע כוואליעס. אָט זעסטו דיין פארמעגן, קום נעם עס דיר אָפּ.

— נו, נו ?

— דאָס וואסער האָט שוין געהאט ארומגענומען מיין שטיבל פון אַלע זייטן, נאָר מיט חסד, די ווענט זיינען געוועזן פון אונטן געלעכערט — אויבן אָרום איז דאָס וואסער אריין, הינטן ארום — ארויס. נאָר האָט דער נישט־גוטער אָנגעטראָגן דעם שכנ'ס קאמער, אָנגעקלאפּט אינ'ם שטיבל און אוועק איז עס אינגאנצן מיט'ן וואסער !

— וואָסער שטיבל ?

— אָט דאָס וואָס איר זעט, פישעלאך מיינע !

— שטייט עס דאָך !

— איך זאָג דאָך אייך : ניט מיך האָט דאָס וואסער געמיינט. איך בין אויף דעם צווייטן־דריטן טאָג נאָכגע־לאָפן מיט'ן וואסער. ווען וואסער איז א קללה, ווען

— א ברכה. דאַרפסט ניט קיין פערד! נעם זעץ זיך אַריין אין שיפל און זאָג: וואַסערל, פיר מיך! נאָכגעלאָפן, געפונען א ברעטל, א שוועל, א שטיק דאַך, אפשר האָב איך גענומען עפּעס פרעמדס, זאָל מיר גאָט מוחל זיין: האָט דאָך עמעצער מיינס גענומען! אויפן וואַסער איז ניטאָ מיינס־דיינס. צוויי וועגט מיט׳ן דאַך צוריקגע־שטעלט. די נייע צוויי ווענט האָב איך שוין שפּעטער צו־געבויט.

— אַלץ אויף דעם אייגענעם אָרט?

— פאַרשטייט זיך! ביים ברעג! ווען ניט ביים ברעג, ווי וואָלט איך געוועזן קאָנען צוריקכאַפּן דאָס שטיבל פון צווייטן געוויסר?

נענטער רוקן זיך די קינדער אַרום אים. דאָס קליינע חדר־אינגל כאַפּט זיך אים אַרויף אויפ׳ן אַקסל, א שטילע לבנה שווימט אַרום אויפ׳ן הימל. דער אַלטער יאַנקעל נעמט דעם קליינעם פאַר׳ן אויערל: שקץ איינער! קאָנסט קידוש־לבנה אויסווייניק? פאַרוואָס בעטסטו מיך ניט איך זאָל דיך אַמאָל נעמען אויפן שיפל מחדש זיין די לבנה אויפ׳ן וואַסער?

ביים צווייטן געוויסר — דערציילט דער אַלטער — בין איך שוין געוועזן א „פאַרפונדעוועטער" בעל־הבית. דערפאַר איז דאָס צווייטע געוויסר אָנגעפאַלן אויף מיר פּלוצלונג אין מיטן העלן טאָג.

---

קידוש לבנה: בענטשן די לבנה. ווען די פולע לבנה באַ־ווייזט זיך אין מיטן חודש איז א מנהג ביי אידן זי צו באַגעגענען מיט ספּעציעלע תפילות, וואָס ווערן געזאָגט אין גאַס ביים שיין פון דער לבנה.

מחדש (מכאַרעש) זיין: באַנייען. מחדש זיין די לבנה מיינט דורכפירן די צערעמאָניע פון קידוש לבנה.

אין דרויסן האָט געשיינט די זון; צופיל געשיינט. איך האָב תמיד פיינט אזאַ זון. אין יענער נאכט — געכאַפּט אין דער נעץ אַ פאַרזועעניש: ניט פיש, ניט ראַקעס, אַ משונה׳דיק באַשעפעניש, דאָס ווייזט תמיד אויף אַ שלעכטן פיש־מאַרק.

שיין, שטיל, נאָר איין זייט הימל — שווארץ, א גראָ־בע שווארצקייט, און ווייטע דונערן פון אונטער די בערג. ווייטע דונערן פארשטייט מען בעסער. ממש אויף אונזער לשון ריידן זיי דעמאָלט. נאָר פאר ווייטקייט הערט מען ניט אזוי, דור־דור־דור־דוררררר!... א בליץ ראַנגעלט זיך צווישן. עפּעס האָט דאָך דאָס א פירוש. זי, די מאמע, ברעכט שוין די הענט: „עס זאָל זיין צו גוטן!“ ווייבער האָבן ליב תמיד אויסצולייגן אויף שלעכטס.

איך זע — מיין טייך דערקענט מיך שוין ניט. אַ פרעמדע פּעל האָט ער אויף זיך גענומען. צורר־זורר! וואָס איז עס פאר א לשון? וואָס פאר א מין איילעניש אין גאָט׳ס שליחות? עפּעס א בעטל שווימט! ווארף איך זיך צו מיינע כלי־זין. פארגייט מיך דער טייך פון הינטן; ווארף איך זיך צו מיין שיפל. סאָסיע, — שריי איך, — העלף מיר דאָס שיפל צום ברעג פארטראָגן! נאָר וואו איז זי? זי טראָגט אַ קינד מיטן קויש ברויט. גוואַלד — שריי איך — צו איר, דער קויש וועט ניט ראַטעווען דאָס שיפל, און דאָס שיפל וועט דאָך אַלץ ראַטעווען!

עפּעס שרייען זיי צו מיר. איך הער ניט. מאַכן זיי מיט די הענט... קוק איך זיך אַרום: אַ וואַסערדיקער באַרג גייט אויף מיר פון אויבן, דער טייך איז ארוים פון

---

פירוש (פיירעש): אַ טייטש, אַ מיין.
כלי־זין (קליי זאיען): געצייג.

די כלים, קליפות האָבן זיך צעשפּילט אין אים. שווער דער גאַנג, איך בין אין וואסער. קולות. . . גאָטס קול הער איך אונטער מיר, זאָג איך: „לישועתך קויתי”, און וואַרף זיך אין מיין שיפל.

גאָט'ס צאָרן האָט יענעם טאָג ניט פיל געדויערט. א בייזע שעה איז דאָס געווען, א וואָלקן, פון ים המלח, אַפּנים, זיך אָנגעטרונקן, און האָט זיך צעריסן איבערן ברעג.

דער באַרג איז צוריק אין זיין רו אַריין, נאָר דאָס שטיבל אונזערס איז ניטאָ.

גאָט'ס השגחה: ביז איך האָב צונויפגעקליבן די ברעטלאך (דער דאַך איז דעמאָלט פאַרפאַלן געוואָרן, געמוזט מאַכן א נייעס), האָט דערווייל אויסגעטריקנט דאָס אָרט, און איך האָב זיך שוין געשטעלט בויען.

„זי” האָט דעמאָלט איינגעלייגט די וועלט: סטייטש, זי וויל שוין ניט בויען דאָ! בעסער א באַגרעבעניש אין שטאָט, אַבי ניט ביים טייך! אַ ווייבערשער שכל! וואו האָסטו נאָך אַזאַ זיכער אָרט, ווי ביים טייך?! קאָנסט מיט'ן שיפל נאָכלויפן און כאַפּן און צוריק בויען! אין שטאָדט א חורבן — מיט וואָס קאָנסטו אָפּראַטעווען?

און נאָך פון א געוויסער האָט יאַנקעל צו דערציילן, וואָס איז געקומען פון א פאַלשער „וויעסנע”. נאָך האָט מען המנ'ען ניט אָפּגעקלאַפּט אין קלויז, און שוין האָט די זון זיך צעשיינט מעשה זומער. דאָס אַייז האָט געבראָכן, איידער ס'האָט געלאָזט. קריעות האָבן זיך געלאָזט אי־

---

לישועתך קויתי: צו דיין הילף האָב איך געהאָפט. א קאַפּיטל פון תהלים, א תפילה פון קריאת שמע לייענען.

וויעסנע: פרילינג. א פאַלשע וויעסנע, ווען עס ווערט מיט אמאָל וואַרעם איידער דער ווינטער איז נאָך אריבער.

בער׳ן טייך. אַ פישער איז גרינג אויף דער דעה, דערזעען אַן אָפּגערייניקט שטיקל טייך, האָב איך געמאַכט „שהחיינו" און געלאָזט זיך מיט׳ן מולטער-שיפל; אַ ברכה אויף דיר, מיין טייכל! אַ ברכה אויף אייך, פישעלאַך! נאָר. . .

קריעות גנב׳ענען זיך אונטער. אַ קריעה אויף אַ קריעה. קריעות זיינען גלגולים פון פאַרביסענע רשעים. קוקסט זיך אַרום, ביזט אַרומגערינגלט. קראַק־קראַק — מה רעש? אַ קריעה צו קריעה, אַ קריעה אויף אַ קריעה, אַ פישער איז גרינג אויף דער דעה. טרעט איך אַרויף אויף אַ קריעה, און גלויב, אַז — ניטאָ נאָך קיין פרייער וועג מיט וואַסער, וועל איך זיך אַרויסשלעפּן איבער׳ן אייז. בויגט זיך די קריעה, „מודים" — פאַל איך אויף אַ צווייטער. וואַרפט זי מיך אַראָפּ צווישן צוויי אַנדערע. כאַפּ איך זיך אַרויף אַן אָפּגע׳טובל׳טער אויף איינער פון זיי. מאַכט זי זיך אַ וועג און לאָזט זיך מיט מיר אין „ים הגדול" אַריין.

די ברעגן גייען אַרונטער, איך גיי פאָראויס. אַ קריעה לויפט מיר נאָך, אַ קריעה גייט מיר אַקעגן. מיינע האָט זיך צעבראָכן אויף צווייען, און צוגעשטאַנען צו אַ בריק, פון אייז. איך זאָג אייך נאָכאַמאָל: קריעות זיינען גלגולים פון שטומע רשעים. אַ סימן אַז איך בין אַרוים, האָט מיר אויף צוויי טאָג אָפּגענומען דאָס לשון. דאָס האָט אויף מיר שולט געווען די אייז-קליפּה.

---

קריעות (קריעס): שטיקער אייז.
גלגולים (גילגולים): גייסטער, נשמות פון מענטשן, וואָס גייען נאָכ׳ן טויט איבער אין ניט מענטשלאַכע זאַכן.
מודים: אַ תפילה בעת וועלכער מען בוקט זיך.
שולט (שוילעט) געווען: געהאַט אַ מאַכט, געהערשט.

## דאָס שטיבל האָט דעמאָלט שטאַרק געליטן.

אַזוי האָט יאַנקל צו דערציילן פון נאָך אַנדערע גע־וויסערן, און פון יעדן געוויסר אַ באַזונדערע מעשה, וואו השגחת הבורא שטעקט די אויגן און ווי ביי יעדן מאָל האָט זיך סאָסיע איינגעשפּאַרט: אין שטאָט אריין! און דער שכל האָט איר ניט געטראָגן משיג צו זיין די מעלה פון וואסער, וואו א שטוב לעבט לאנג. כל זמן דאָס שיפל לעבט, איז דאָס שטיבל באַוואָרנט.

פיל צייט איז שוין דורכגעגאַנגען איבער יאַנקל׳ס שטיבל אָן געוויסערן. צייטן האָבן זיך געביטן. ניטאָ יענע דונערן; ניטאָ יענע בליצן; ניטאָ שוין יענע וואַסערדיקע בערג אויפ׳ן טייך. ניטאָ מער יענע טרעפּעניש, וואָס האָבן געשטעלט אַ סוף צום אלטן, און אָן אָנהויב צום נייעם.

דער טייך האָט זיך אָנגעהויבן פירן מיט דרך ארץ.
נאָר יאַנקל׳ס שטיק פּלאַץ ווערט אלץ איינגעשרומפּן.
דער שטילער בעל־דרך ארץ שניידט זיך אין ברעג אריין.
פון טאָג צו טאָג ווערט סאָסיען נענטער צו טראָגן פון טייך וואַסר. ווען שניידט ער דאָס? ביינאַכט, אַפּנים.

נאָענטע שכנים זיינען זיי שוין — יאַנקל מיט׳ן טייך.
איין וואנט נעצט שוין, פון אומגליק איז ווייט: דער טייך וועט שוין ניט אָנפאלן, נאָר דאָס שטיבל מוז מען איבער־רוקן. יאַנקל האָט אָפּגערוקט דאָס שטיבל. דעם טייך איז אומעטיק אַליין צו בלייבן: ער גייט נאָך.

עס איז געקומען די צייט אריינצוקלייבן זיך אין ישוב.
סאָסיע האָט זיך גענומען צו שטוב־זאכן, ווי איר טבע פון יאַנקל׳ס פּלאַץ איז שוין גאָרנישט געבליבן.

משיג (מאַסיג) זיין: באַנעמען, פאַרשטיין.
ישוב: אַ באַזעצט אָרט, אַ קאָלאָניע, אַ שטאָט.

איז פון תמיד. דאָס ערשטע האָט זי זיך גענומען צום קויש ברויט. דערנאָך האָט זי געמאַכט קליינע בינטעלאַך, עס זאָל זיין לייכט צום איבערטראָגן. יאַנקל איז געשטאַנען מיט דער פּלייצע צום טייך, און האָט איר געהאָלפן.

ס׳איז געקומען צו די שטריק און צו אַלע וואַסער כּלי-זין. . . יאַנקל האָט זיי אַלע צונויפגעקליבן. און האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן זיי.

ער האָט יעדערן פון זיי באַטראַכט.

די שטריק האָבן אים אָפּגעראַטעוועט אַ קינד.

אַ נו, פּאָר אַ בעלן — וויפיל האָבן זיי מיך געקאָסט?

ער רעכנט און ציילט אויף די פינגער.

„אין שטאָט זיינען זיי גוט אויף גרעט צו הענגען“.

אים האָט פּלוצלונג אָנגענומען אַ האַרץ-ווייטיק: ווי איז אַ מענטש מפקיר אַזאַ פאַרהאָרעוועט בעל-הבית׳יש-קייט?!

און ווידער איז אים געקומען אויפ׳ן געדאַנק די אַלטע שאלה: אַ חורבן ביים וואַסער קאָן מען נאָך ראַטעווען, אָבער אַ חורבן אין שטאָט?. . .

ער האָט געוואָרפן אַן אויג אויפ׳ן איינגעשרומפּענעם פּלאַץ ביים טייך און האָט זיך איבערגעקוקט מיט סאָסיען.

סאָסיע האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

---

מפקיר (מאַפּקיר) זיין: אויפגעבן, פאַרלאָזן, אָפּזאָגן זיך פון עפּעס.

## פראַגן.

איז חיים אַנדערש ווי אַ שטאָט מענטש? וואָס זיינען די הויפּט שטריכן וואָס אונטערשיידן אים פון שטאָט איינ-וואוינער? וואָלט אַ שטאָטישער מענטש דערציילט אַזעלכע מעשיות און אין אַזאַ שפּראַך? וואָס פאַר אַ געפילן טראָגט חיים צום טייך? אין וואָס דריקן זיי זיך אויס?

# אויפן גאַס

זעמעלאַך-ווייכענקע! בייגעלאַך פּלעצלאַך-געלינקע, פרישינקע, וואַרעמע — קויף!...

דאָס הערט מען אַלע גאַנץ פרי אין די קליינע שטעטלאַך — פון בעקער אינגלאַך, וואָס גייען אויף דער גאַס מיט קוישלאַך „אַפּעטיט" פאַר די אויגן און זינגען דאָס לידל מיט אַלץ איין נוסח, וואָס איז ניט זיס, ניט זויער, ניט פריילאַך, ניט טרויעריק. דאָס לידל קאָן זיך קיינמאָל ניט צונויפמישן מיט'ן רויש פון די גאַסן. עס בלאָנדזשעט אַרום אין דער לופט, ווי עפּעס פרעמדס, ווי אַ קשיא אָן אַ תירוץ, ווי אָן אויסרופּסצייכן, וואָס איז אוועקגעשטעלט ניט אויפן ריכטיקן אָרט. שלעפעריק גייען בּאַ זיי אַרוים פון מויל די שבחים פון די „זעמעלאַך, פּלעצעלאַך, בייגעלאַך", אַלע טאָג אויף איין אופן. אַ גרילץ טוט עס אין אָן אויער דעם פאַרבייגייענדיקן.

דאָס ליד צעגייט זיך אין דער לופט, שלאָגט זיך דורך די גרויסע און נידעריקע פענצטער און טרעפט דאָרט פאַר שידנע מענטשן אין פאַרשידענע לאַגעס.

עס שלאָגט זיך דורך דורך די הויכע פענצטער און עס טרעפט דאָרטן „מאַמזעלן" אין די בעטן נאָך אַ

---

מאַמזעלן — מיידלאַך. אַ פראַנצויזישער וואָרט, וואָס ווערט באַנוצט אין אַ שפּאָטישן אופן, צו באַצייכנען אַזעלכע מיידלאַך וואָס פירן זיך ווי אַריסטאָקראַטקעס.

שווערן חלום״. . . זאָט האָבן זיי זיך געלייגט, זאָט האָבן זיי זיך אויפגעכאַפּט. אומגליקלאַכע נפשות; דאָס עסן פאַרלויפּט זיי תמיד, איידער זיי ווערן הונגעריק. זאָלן שוין די זעמל מיט די בייגל צען מאָל אַזוי גוט זיין, וועט עס זיי ניט נעמען. ניט זעמל און בייגל האָבן זיי אין חלום געזען.

היינט וועלן זיי קיין איבערבייסן זיך שוין ניט קאָנען צוקלייבן: וואָס מען וועט זיי געבן, וועט זיי ניט געפעלן. פאַרפאַלן, אָן א טרער וועט עס היינט שוין ניט אָפּגיין.

און עס כאַפּט זיך דאָס ליד אריין אין די קליינע, האַלב פאַרזשאַווערטע, שייבעלאַך, און עס טרעפט דאָרט ליידיקע בעטן; דער פאָטער און די מוטער זיינען שוין לאַנג ארויס אין דער גאַס — שמעקן וואו ערגעץ אַ פאַרדינסטל, פון וועלכן עס קאָן ארויס אָנבייסן מיט וועטשערע. די קינ־דערלאַך וואַרטן ניט אויף זעמעלאַך, פלעצעלאַך און בייגע־לאַך; אַ פראָסט שטיקל ברויט האָט די מוטער צוגעזאָגט צו ברענגן. דערווייל ליידן זיי הונגער, און וויינען ב ח ב ר ו ת א, דער טאָג גייט נאָכ׳ן פרימאָרגן: אַ גאַנצן טאָג וועלן זיי שוין וויינען.

„זעמעלאַך. . . וויכענקע. . . בייגעלאַך , , , פרישינ־קע. . . פלעצעלאַך. . . הייסינקע!״

שלעפעריק, איינעסנדיק גייען די שבחים אַרויס פון מויל. עס גרילצט אין די אויערן. אזוי היינט, אזוי וועט זיך עס מאָרגן הערן. בייז מאַכט עס דיך, ווען דו הערסט עס; און עס ווילט זיך דיר פאַרשיטן די שרייענדיקע מיי־לער מיט זאַמד; פאַרשטומט זאָל עס ווערן! ניט רייצן די

---

בחברותא (בכאוורוסע): אין געזעלשאפט, אלע צוזאמען.

הונגעריקע, ניט עקלען די זאַטע!

נאָר אַז חיים׳קע דער אלמנה׳ס האָט געשפּאַנט אין דער פּרי איבער דער גאַס מיט׳ן קוישל אויפ׳ן האַלז, מיט י צ ר ־ ה ר ע  פאַר די אויגן, און האָט אַ זינג געטאָן, „זע־מעלאַך, פּלעצלאַך, בייגעלאַך“ — איז גאָר עפּעס אַנדערש געוואָרן.

אַן אַנדער נוסח, אַן אַנדער קול׳כעל איז דאָס.

ניט אומזיסט האָט אים אַ גרויסער חזן געוואָלט אַריינגעמען אין זיין חברה-זינגערלאַך.

חיים׳קע האָט זייער געוואָלט מיטפאָרן; ער האָט זייער ליב נגינה.

איז אָבער די מוטער ניט באַשטאַנען: דאָס ערשטע יאָר נאָכ׳ן מאַנ׳ס טויט — האָט זי איבערגעטראַכט, טאָמער וועט חיים׳קע אונטערוועגנס דעם קדיש ניט אָפּהיטן. אַ שווער לעבן האָט אָפּגעלעבט איר גדליה — אַ גוטן זכות זאָל ער טראָגן. אָרעמקייט, הונגער, קעלט, שווערע אַר־בעט — אַלץ האָט ער פאַרזוכט. געשטאָרבן איז ער נאָך שווערער: יאָרן האָט ער אָפּגעקרענקט — זאָל ער כאָטש אַצינד אין גן-עדן האָבן מנוחה — זאָל אים דער קדיש אין דער פרי און אויף דער נאַכט ניט געשטערט ווערן.

שפּעטער, אַז זי איז קראַנק געוואָרן, האָט איר באַנק געטאָן, וואָס זי האָט אים ניט איבערגעגעבן דעם חזן: אַ קראַנקע אלמנה, אַ צעבראָכענע, ניט קיין שכר למוד קאָן

---

יצר־הרע: דער שלעכטער גייסט· פאראן א גלויבן, אז דער מענטש האט אין זיך צוויי גייסטער, א גוטן און א שלעכטן. איינער רעדט אים אָן צו טאָן גוטס, דער צווייטער — שלעכטס. דער שרייבער רופט אָן דאָס געבעקס יצר־הרע, ווייל עס רייצט חיים׳קען צו עסן, כאָטש ס׳איז ניט זיינס.

זי צאָלן, ניט האָדעווון קאָן זי אים. זי האָט זיך אליין ניט וואוהין צו פאַרטאָן, אי, וואָס? מיט'ן קדיש — דאָרט? איז זי אָצינד גאָר ברוגז אויף איר גדליה: אַז ער מיט זיך דאָרט ניט פאַר איר ביים בית־דין־של־מעלה, איז א סימן, אַז ער האָט דאָרטן צופיל מנוחה: אַזאַ טבע פלעגט ער אויך ביים לעבן האָבן, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין! דאָנערשטיק האָט מען אים געדאַרפט פלעקער אויפ'ן קאָפּ טעסן, ביז ער האָט פאַרזאָרגט די מולטער מיט מעל אויף שבת.

באַנק האָט איר געטאָן, נאָר קיין חזן איז שוין מער ניט דורכגעפאָרן.

איר איז איינגעפאַלן צו פאַרדינגען חיים'קען פאַר א בעקער־אינגל: „ביי אַ בעקער וועט ער אי זאַט זיין און וועט עפּעס נאָך פאַרדינען אויך".

שווער איז איר אָנגעקומען, איידער זי האָט אים פאַרטאָן. בעקערס האָבן מורא פאַר אויסגעהונגערטע איג־לאַך, וואָס האָבן נאָך דערצו הונגעריקע מוטערס אין דער היים: ער קאָן נאַשן, באַ'גנב'ענען און אהיימטראָגן; דערנאָך ביי וועמען וועסטו דיינס מאָנען?

אודאי וועט ראָטשילד'ס קינדער זאָלן וועלן טראָגן גע־בעקס, וואָלט עס זיכערער און באַוואָרנטער געווען.

האָט זי זיך צום סוף געוואָרפן צו דניאל דעם בעקער. דער איז א קרוב, א פשוט'ער שני בשני געווען מיט גדליה'ן, אָפּגעשיידט זאָל ער זיין.

נאָר דניאל האָט קיין חשק ניט געהאַט: „גיי הויב

---

בית דין של מעלה (ביים דין שעל מיילע): דאָס אויבערש־שע (הימלעשע) געריכט.

שני שבשני: אַ צווייטער פון אַ צווייטן. אַ ווייטער קרוב.

אָן מיט אַן אָרעמען קרוב, וועסט זיך קיינמאָל ניט קאָנען אָפּטשעפּען פון אים!"

האָט ער געגעבן דער אלמנה צו פארשטיין, אז ראשית דארף ער גאָר קיין אינגל ניט האָבן. שנית, האַלט ער אין דינגען אַ אינגל, וואָס זשע טויג אים חיים׳קע? שלישית, וועט חיים׳קע ניט טויגן צו זיין זאַך.

האָט די אלמנה געוויינט.

גדליה האָט זיך, אפנים, פאַרט געמיט: דניאל איז באַשטאַנען צו נעמען חיים׳קען אויף דער פּראָבע: אז ער וועט דעם ערשטן טאָג אים ברענגען פדיון, וועט ער אים דינגען אויף ווייטער.

די אלמנה איז באַשטאַנען. מיט חיים׳קען איז עס נאָך גרינגער צוגעגאַנגען. דניאל האָט מיט אים אויסגענומען נאָר איין תנאי: קוים נאַשט ער אַ בייגל אָדער עפּעס פון קוישל, איז — פּעטש, ק ו ל א ק ע ס! און דערצו — אַרויסגעטריבן פון דער בעקעריי אָן „שכירות". אין שכירות האָט חיים׳קע אַ קליינעם באַגריף; נאָר אַרויסגעטריבן צו ווערן פון דער בעקעריי, וואו עס וואַלגערט זיך אַזוי פיל ברויט, און וואו ביינאַכט איז אַזוי וואַרעם צו שלאָפן — איז אודאי אַ גרויסע שטראָף.

ער גייט אַרום גאַנץ פרי אַ ניכטערער אויף דער גאַס, דאָס ערשטע מאָל מיטן קויש-שטריקל אויפן האַלדז און אַ קוישל כל טוב פאַר די אויגן, דאָס שטריקל שניידט זיך איין אין האַלז, בויגט אים אַראָפּ דעם קאָפּ אַזוי, אז ער מוז פאַר זיך זען דאָס, וואָס אין קוישל.

ניכטער גייט ער. איבריקנס איז דניאל אין דעם גאָר

---

קולאַקעס: פויסטן. געבן קולאַקעס — שלאָגן מיט אַ פּאָר מאַכטער האַנט.

ניט שולדיק: ער ווייסט ניט, אויב אַ קינד קאָן אַזוי פרי עסן, ער ווייסט, אַז זיינע קינדער אפילו אין צוויי שעה אַרום, — דאַרף מען מיט בייזן, מיט גוטן קוים איינבעטן צום איבערבייסן!

חיים׳קע גייט איבער דער גאַס און זינגט:

„פרישע. . . בייגעלאַך. . . ווייכינקע זעמעלאַך. . . שיינעטשקע. . . וואַרעמע! . . .

אַ פריש, ווייך קול׳כל איז דאָס! אַ זיס טרויעריק נגונ׳דל! עס צופט ביי דער נשמה, ווי די י ע ל ו ת נאָך „כ ל נ ד ר י".

„בייגעלאַך. . . שיינעטשקי . . . גוטינקע„ . . .

צו בייגל איז גוט?

גוט איז דאָך אפילו אַ פּראָסט שטיקל ברויט נאָך אַ טאָג הונגערן! בייגל מיט זעמל איז נאָך בעסער! טעם גן־עדן דאַרף עס זיין! וואַרעם זיינען זיי נאָך! די פ אַ ר ע הויבט זיך פון זיי און גלעט איבער׳ן פּנים. . א ריח האָט עס — אַ טויטן קאָן עס אויך אויפרייסן!

עס ברעכט אים דער שלונג; ער וואַרגט זיך מיט דער ת א ו ה.

אי, וואָלט ער כאָטש איינעם אָנבייסן!

---

יעלות (יאַלעס): אַ נאָמען פון אַ תפילה, וואָס ווערט געזאָגט ערב יום כפור ביינאַכט נאָך כל נדרי. יעדער זאַץ פון דער תפילה הויבט זיך אָן מיטן וואָרט „יעלה", עס זאָל ארויפגיין — די תפילה זאָל ארויפגיין אין הימל פאַרן כסא הכבוד.

כל נדרי (קאָל נידרע): די הויפט תפילה פון ערב יום כפור. צוליב דער תפילה רופט מען דעם אָוונט מיט׳ן נאָמען כל נדרי.

פאַרע: דער רויך, וואָס קומט אַרויס פון אַ וואַרעמע זאַך.

תאוה (טייווע): אַ שטאַרקער באַגער, גלוסטונג.

די ליפּן עפענען זיך... די נאָז-לעכער צעציען זיך. . . די שווארצע ציינער טוען א ציטער.

„ניין !. . . אסור חזיר !“. . . ער האָט נאָך גאָר ניט געלייזט ! אין דער היים ביים בעקער איז פאַראַן אַ זיפּ פול מיט שטיקער ברויט. . . אז ער וועט קומען מיט פּ ד י ו ן, וועט מען אים מסתמא געבן פון דאָרט.

ער גייט און ציילט שבחים פון געבעקס ! „גוטינקע. . . פרישינקע. . . וואַרעמע. . . ווייכענקע“. . . אַנדערע בעקער-אינגלאך זינגען און ער זינגט, נאָר אלע זינגען שלעפעריק איינעסנדיק ; זיינס אָבער ציט אויערן, רייסט די נשמה ; ער זינגט — ניט איינצוריידן ; ער זינגט ערנסט.

צי ווייסט דען עמעצער נאָך אַזוי ווי ער די שבחים פון געבעקס ?

ערנסט זינגט ער, פון האַרץ אַרויס. עס צעגיסט זיך אין דער לופט און צעגייט זיך אין די הערצער.

פון די געלעגערם רייסט עס אויף. אז וואויל איז דעם, וואָס חיים׳קעס ניגון האָט אים אויפגעוועקט פון שלאָף : אַ גאַנצן טאָג וועט עס אים שוין ציען צו זינגען.

עס מאַכט ניט אוים, וואָס ער באַזינגט גראָד „זעמל מיט בייגל“; באזינגט דאָס נאָך וואָס ער בענקט ערנסט ; א שטיק האַרץ זינגט ער ארוים און עס גיסט זיך אין הער-צער אריין, און עס טרעפט דאָרט בענקענישן. . . האָפנונ-גען. . . חלומות. . . פון אלערליי מינים.

מענטשן לויפן דורך און הויבן אָן איינהאַלטן דעם שפּאַן ; עס לאָזט ניט אזוי גיך אוועקגיין.

---

פּדיון (פּידיען) : לייזונג. געלט.

נעבן חיימ׳קען שטייט אַ ג ע ז ע מ ל. זינגען איז אַ גרויסער כח.

זינגען אָבער האָבן ליב נאָר זאַטע. זאַטע דאַרפן קיין געבעקס ניט קויפן. דעם הונגעריגן קריכט קיין געזאַנג ניט אין קאָפּ אריין.

„פרישע. . . ווארעמקע. . . זעמעלאך !". . ,

נאָר די זעמעלאך זיינען שוין אָפּגעקילט, חיים׳קע האָט אַרום זיך אַ היבשן עולם, אָבער קיין פדיון גאָר ניט.

ווער דניאל דער בעקער צופרידן זיין ?

א געזעמל : א גרופּע, א פארזאמלונג פון מענטשן.

---

פראגן

ווען האבן די בעקער אינגלאך אויפגעוועקט פון שלאף ? וואס פאר אן איינדרוק האט דאס געזאנג פון די בעקער אינגלאך געמאכט אויף די מענטשן ? וואס פאר אן איינדרוק האט חיימ׳קעס געזאנג געמאכט ? פארוואס ? פאר־וואס איז חיימ׳קעס זינגען געווען אזוי עבט ? וואס טוען די מענטשן, וואס גייען אים פארביי ווען ער זינגט ? פארוואס העלפט אים זיין געזאנג ניט צו פארקויפן די זעמעל ?

# צוויי חברים

יאָסקע און יאָסעלע זיינען געווען צוויי שכנים און תלמידים אין איין שול. יאָסעלע איז געווען געקליידט שענער פון אַלע קינדער אין שטאָט, ווייל זיינע עלטערן זיינען געווען די רייכסטע אין שטאָט, און יאָסקע איז געווען דער בעסטער תּלמיד אין שול.

אַז יאָסעלע פלעגט גאַנץ פרי אַרויסגיין אָנגעטאָן אינם נייעם טולופּל, שטיוועלאַך—אויף צו שפּיגלען זיך אין זיי, אַ גוטן לעדערנעם ראַנצן־טאַש, מיט אַ פריילאַך האַרץ און מונטער געזיכט, פלעגט אים יאָסקע נאָכקוקן דורכן פענצטערל, פלעגט וואַרפן אַן אויג אויף זיינע אַלטע, צעריסענע קליידער, אויסגעדרייטע שטיוועלאַך, אומעטיקע פאָטער און מוטער און פלעגט זייער מקנא זיין דעם אויסגעפּוצטן חבר.

אַזוי איז געווען אויף דער גאַס, ביז צום חדר.

אין חדר אָבער איז שוין יאָסקע געווען דער מיוחס.

און יאָסעלע פלעגט זען, ווי דער לערער האָט אַזוי ליב יאָסקען. די בעסטע באַלן כאַפּט ער אויס; אויף וואָס מען פרעגט אים, האָט ער גרייט אַ תשובה אויף דער צונג. און עס פלעגט אים אָננעמען אַ פאַרדרוס: פאַרוואָס? אַזאַ

טולופּל: פּוטערנער אויבעראָק.

*) די איינציקע קינדער דערציילונג וואָס שטיינבערג האָט געשריבן אין אידיש.

קבצן?! אזא אָפּגעריסענער?! שענער וואָלט דאָך פּאַסטן, איך זאָל האָבן די גוטע באַלן! מיך זאָל דער לערער גלעטן איבערן בעקל!

די קינדער פלעגן זיך איינס־ס׳אַנדערע מקנא זיין. פון דער קנאה איז געוואָרן אַ שנאה. אָפטמאָל פלעגן זיי זיך אָפּשטעלן אויף דער גאַס און זוכן אַ צופאַל, דורכצו־פּאַטשן זיך.

איינמאָל איז יאָסעלע אַרויסגעגאַנגען פאָרויס, און האָט זיך אַוועקגעשטעלט וואַרטן אויפן חבר. ווי ער האָט אים נאָר דערזען פון ווייטן, האָט ער אים אָנגעהויבן רופן: אָפּגעריסענער!

— קעלבל! — האָט אים יענער אָפּגעצאָלט.

— באָרוועסער!

— קעצענער מח!

אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט — די קינדער האָבן זיך דער־נענטערט מיט די פויסטן אין דער לופט.

— אַ נו, פּרוב, הייב־אָן!

— אַ נו, פּרוב, ריר מיך אָן!

ביי ביידע האָט געברענט אַ פייער אין די אייגעלאָך, נאָר יעדערער האָט געוואָלט אי שלאָגן דעם חבר, אי בלייבן אַ גערעכטער. דערפאַר האָט יעדער פון זיי געוואָלט זיין — נישט דער אָנהייבער.

— נו, אָט האָב איך דיך אָנגערירט.

— און אָט האָב׳ איך דיר אַ ציפּ געטאָן.

און נישט צו וויסן, ווער ס׳האָט באמת אָנגעהויבן — האָבן זיך ביידע חברים באַלד געפונען אין מיטן געשלעג. יאָסקע האָט אַריינגעשטעקט די הענט אינם חבר׳ס לאַצן פון טולופּל. יאָסעלע האָט זיך געוואָרפן אויפן חבר׳ס העפטן מיט די גוטע באַלן. פון דאָרט זיינען זיי זיך פּאַר־

קראָכן אין די פּנים'ער.ביידע האָבן זיך אַרומגעכאַפּט, ווי אמת'ע גוטע פריינט, און האָבן איינס־ס'אַנדערע געוואָרפן פון די פיס. קייקלענדיק זיך אויף דער ערד, האָבן זיי זיך נאָך געריסן און געביסן און האָבן נישט באַמערקט, ווי פון זווייטן לויפט אָן אַ פאַעטאָן מיט דריי פערד. אַט־אַט פאָרט ער אויף זיי אַרויף.

— שטיי!! אוי־אוי! — האָבן צוקוקער אין איין קול געשריען.

נאָר די קינדער האָבן קיין געשרייען נישט געהערט, אויסער זייערע אייגענע, און פערד פאַרשטייען נישט קיין אידיש.

אַז מ'האָט זיי אויפגעהויבן פון דער ערד אין חלשות, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ביי איינעם איז אַ צעבראָכענער פוס, ביים צווייטן אַ צעבראָכענע האַנט. מ'האָט זייביידן אַוועקגעפירט אין שפּיטאָל און אַוועקגעלייגט אין שכנות־דיקע בעטלאַך — איינעם קעגן צווייטן.

---

אַז יאָסקע האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט ער זיך אַרומ־געקוקט פאַרוואונדערט: ווער זיינען עם די הויכע ווענט? ווי קומען אַהער יענע גרויסע פענצטער? ווער זיינען די מיידלאַך אין ווייסע פאַרטוכער, וואָס שוועבן אַרום פון בעטל צו בעטל און לאָזן אומעטום אַזאַ שמייכעלע!?...

וואו איז ער? אַ חלום איז דאָס? און אפשר איז ער אויף יענער וועלט, אין גן־עדן?

ער פרואווט אַ ריר טאָן מיט דער האַנט, און... אוי, אַ ווייטיק!

אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף אַ זייט, האָט ער דערזען

---

פאַעטאָן: קאַרעטע.

דעם חבר אַ בלייכן און האָט זיך דערמאָנט אָן אַלץ, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען. ער האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז דאָ איז אַ שפּיטאָל.

עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אויפהייבן אַ פויסט אַקעגן יענעם, נאָר — אוי! וואו איז די האַנט? אוי, אַ ברעכע־ניש דאָס איז!

ער האָט זיך צעוויינט. ער וויל פרעגן, וואו איז זיין פאָטער, זיין מוטער, די שוועסטערלאַך? נאָר ער האָט זיך דערמאָנט, אַז דאָ, אין שפּיטאָל, לאָזט מען קיינעם נישט אריין צו די קראַנקע. אַ פרעמדער איז ער דאָ. אַלץ און אַלע זיינען אים דאָ פרעמד, אַ חוץ אָט־דעם, וואָס ליגט אַקעגן אים.

ער האָט זיך נאָך מער צעוויינט. אויף זיין געוויין האָט זיך געהערט אַ כליפּען פון דעם צווייטן בעטל. אַפּנים, יענער האָט זיך אויך דערפילט דאָ פרעמד.

באַלד איז אויסגעוואַקסן נעבן זיי איינע פון די ווייסע מיידלאַך, וואָס שוועבן דאָ אַרום, און האָט איינגעטיילט דעם — אַ שמייכל, יענעם — אַ גלעט איבערן בעקל.— רואיק—זאָגט זי—קינדערלאַך, ליגט רואיק! מען דאַרף נישט וויינען, אין עטלאַכע טעג אַרום ווערט איר דאָך געזונט!

אין אָנפאַנג פלעגט יאָסקע נישט קאָנען ליידן אויף זיך די האַנט פון יענעם ווייסן מיידל. ער האָט געבענקט נאָך דער מוטערס האַנט, נאָך אַ שמייכל פון זיינע שוועס־טערלאַך. נאָר שפּעטער, אַז ס׳האָט געטראָפן דאָס ווייסע מיידל האָט אָן אים פאַרגעסן, האָט עס אים געקרענקט, און גליקלאַך איז ער געווען, אַז אים איז צוגעפאַלן מער אַ שמייכל, ווי אַנדערע קראַנקע. ער האָט אָנגעהויבן בענקען נאָך די ווייסע מיידלאַך.

— די ווייסע מיידלאַך האָבן אונזביידע גלייך ליב,— טראַכט ער זיך — ווען זיי קומען צו מיר, פאַרגעסן זיי אויך נישט דעם חבר.

עס איז געקומען פרייטיק. דער ווערכטער איז אַריינגעקומען און האָט זיי ביידן אָנגעטאָן אַ נייע הלבשה, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ העמד — און שוין. דאָס ערשטע מאָל האָט זיך יאָסקע דערזען אין אַ הלבשה גלייך מיט יאָסלען.

און דאָס ווייסע מיידל קומט אָפט צו זיי צו, און לויבט זיי ביידן פאַרן דאָקטאָר:

— טייערע קינדערלאַך! זיי פאָלגן אַזוי! און וואָס פאַר אַ חכמים דאָס זיינען!

דאָס ערשטע מאָל הערט יאָסלע, ווי מען לויבט אים גלייך מיט יאָסקען.

אין דער זעלבער פאַלאַטע איז געלעגן אַ קראַנקער אין גרויס היץ. ביי אים אויפן ברעטל איז געווען אָנגעשריבן: פערציק מיט אַכט צענטל. דער קראַנקער האָט גערעדט פון פייער, געקריגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט. די ווערטער האָבן זיך נישט געפּאַסט פאַראַנאַנדער. דאָס ווייסע מיידל איז געשטאַנען איבער אים אַ פאַרזאָרגטע און האָט אים געלייגט אַ פענכער אייז צום קאָפּ.

און דער קראַנקער קריגט זיך מיט דער גאַנצער וועלט, מיט עפּעס איינעם, וואָס קיינער זעט אים נישט... פּלוצלונג הייבט ער אויף די האַנט אין דער לופט... קליפּה!— שרייט ער — אַוועק פון מיר!... עס הערט זיך אַ קנאַק איבער דער פאַלאַטע... אַ געשריי!.. דאָס ווייסע מיידל פאַלט אויף דר׳ערד באַגאָסן מיט בלוט. דער קראַנקער

---

פאַלאַטע: אָפּטיילונג.

האָט איר פון היץ אַזאַ פּאַטש געגעבן.

דאָס ווייסע מיידל איז אַרוים פון דער פּאַלאַטע. קראַנ־קע האָבן זיך אויפגערעגט. יאָסקע מיט יאָסעלען קריצן מיט די ציינער. ווען זיי זאָלן קאָנען, וואָלטן זיי דעם קראַנקן צעביסן, צעריסן פאַר כעס.

זיי האָבן זיך ביידע אַזש צעוויינט פון צאָרן.

— אַ מכה וועט ער זי שוין זען נעבן זיך! —טרייסט זיך יאָסעלע, און זאָגט עס צו זיך אויפן הויכן קול.

— נישט קראַנק איז ער אַליין זיך צולייגן דעם פּענ־כער! — איז זיך אויך יאָסקע נוקם.

נאָר באַלד נאָכדעם האָט זיך ווידער געוויזן דאָס ווייסע מיידל — שוין אָפּגעוואַשן פונם בלוט, מיט אַ געשוואָלענער באַק. זי האָט זיך ווידער אַוועקגעשטעלט ביים קראַנקן, פּאָרזיכטיק פאַריכט דעם פּענכער אויפן קאָפּ, גע־מאָסטן די היץ, און אַז זי האָט אַרויסגענומען דעם טערמאָ־מעטער, האָט זי זיך פאַרקוקט אויף אים. צוויי טרערן האָבן זיך אַרויסגעקייקלט פון אירע אויגן.

יאָסעלע מיט יאָסקען האָבן זיך ברוגז'ערהייט איבער־געקוקט.

— דאָס ווייסע מיידל איז אַ מלאך — האָט זיך בא איינעם אַרויסגעריסן פון מויל.

— זי האָט אונז אַלע אַזוי ליב! — זאָגט דער צוויי־טער.

אַ גאַנצע נאַכט נאָכדעם האָבן זיך יאָסעלען געחלום'ט ווייסע מלאכים מיט געשוואָלענע באַקן און פּערל פאַלן זיי פון די אויגן.

אין דערפרי האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אַרומגעקוקט און דערזען, ווי באַם חבר איז די דעק אַראָפּגעפאַלן. יענער

מאַטערט זיך זי אויפצוהייבן, נאָר דער פוס איז אים אַזוי באַנדאַזשירט, אַז ער קאָן זיך קיין ריר נישט טאָן.

יאָסעלע האָט אויסגעשטרעקט דעם פוס און אויפגע־הויבן מיט אים די דעק, יענער האָט מיט בליצנדיקע איינ־לאַך אויף אים געקוקט.

שפּעטער מיט אַ שעה האָט זיך יאָסעלען געוואָלט אַ טרונק. נעבן אים איז געשטאַנען אַ פלעשל קעפיר, נאָר ער האָט מיט דער קראַנקער האַנט נישט געקאָנט דערלאַנגען דערצו. ער האָט נאָר געקוקט אַהין מיט דורשטיקע אויגן און באַלעקט די פאַרטריקנטע ליפּעלאַך.

יאָסקע האָט זיך אָנגעשטויסן. ער האָט אויסגע־שטרעקט די האַנט און דערלאַנגט דעם חבר דאָס פלעשל קעפיר.

יענער האָט אים אָפּגעצאָלט מיט אַ פריינטלאַכן שמייכל.

— יאָסקע! — הייבט יאָסעלע גלייך אָן — ווייסט וואָס איך טראַכט? אַז איך וועל אויסוואַקסן, וועל איך דאָך מסתמא זיין אַ רייכער! נו, וועל איך אויסבויען אַזאַ שפּיטאָל.

— און איך, יאָסעלע, ווייסט וואָס? איך וועל אויס־וואַקסן אַ דאָקטאָר! טאַקע אין דיין שפּיטאָל!

— יאַ, יאַ! און מיינע מיט דיינע שוועסטערלאַך וועלן מיר מאַכן פאַר ווייסע מיידלאַך. יאַ, יאָסקע?

— יאַ, יאַ! אַזוי ווי אָט אונזערע פון דאַנען!

און ביידע חברים האָבן פאַרפירט אַ שטילן ליבלאַכן פלוידער, ווי צוויי פייגעלאַך אויף איין צווייגל, און האָבן זיך גענומען וואַרטן, ביז זיי וועלן גרויס ווערן.

פראגן:

מיט וואָס האָט זיך יעדער פון די צוויי איינגלאַך איבער־גענומען? וואָס האָט זיי צעטיילט און געמאכט פאַר שונאים? וואָס האָט זיי די שנאה געבראכט? וואָס האָט זיי געמאכט פאַר גוטע פריינט? וואָס האָבן זיי געלערנט פון דער נוירס אין שפּיטאָל?

## אַ פּאָר באַמערקונגען וועגן דער רעדאַקציע:

אין הסכם מיט׳ן ציל, וואָס דער שולן־קאָמיטעט האָט זיך געשטעלט מיט דער אויסגאבע פון דער קלאַסיקער ביבליאָטעק, איז דער אויסוואל פון מאטעריאל פאר דעם ביכל באזירט אויף די פאָלגענדיקע יסודות: א. די ליטעראריש קינסטלערישע קוואליטעט. ב. די כאראקטעריסטישקייט פון דער זאך פאר יהודה שטיינבערג׳ס שאפן. ג. די צוגענגלאכקייט פון דעם מאטעריאל פאר קינדער פון איבער צוועלף יאָר, וואָס האָבן באַזוכט א אידישע שול וויינקסטנס פון דריי ביז פיר יאָר.

ביים רעדאַגירן דעם מאַטעריאַל זיינען ענדערונגען אין שפּראַך און סטיל געמאכט געוואָרן נאָר דאָרט, וואו עס איז דורכאויס נויטיק געווען און מיט גרויס פאָרזיכט עס זאָל זיך ניט פאַרלירן אַפילו אַ טראָפּן פון שטיינבערגן.

ביים אויסקלייבן וואָס און אויך ווי צו דערקלערן האָב איך זיך אין גאנצן געשטיצט אויף מיין דערפארונג אלס לערער מיט אמעריקאנער אידישע קינדער. אָפטמאָל האָב איך מותר געווען אויף דער אידיאמאטישקייט פון דער שפּראך, כדי ניט צו דארפן מאכן א דערקלערונג אויף דער דערקלערונג און כדי עס זאָל די קינדער זיין פאַרשטענדלאַך. די דערקלערונגען און אָפּטייטשן זיינען הויפּטזעכלאך געצילט פארשטענדלאך צו מאכן דעם טעקסט. דאָרט וואו עס זיינען פאראן אייניקע ניואנסן פון א וואָרט אָדער באגריף איז אונטערשטראָכן דער ניואנס וועלכן שטיינבערג האָט אין דעם געגעבענעם פאל גענוצט.

די דערקלערונגען און אָפּטייטשן דערשיינען אויף יעדער בלאַט אָבער אָן באַמערקונגען, ווי ציפערן אָדער שטערנדלאַך, אין טעקסט. די אָנווייזונגען אין טעקסט זיינען אויסגעלאָזן געוואָרן כדי די הנאה פון יענע לייענער וואָס נויטיקן זיך ניט אין די דערקלערונגען זאָל ניט געשטערט ווערן. די דערקלערונגען זיינען אָבער געגעבן אויפן זעלבן בלאַט און ניט צום סוף פון יעדער דערציילונג אָדער גאָר צום סוף פון בוך, כדי די, וואָס מוזן זיך באַנוצן מיט

זיי זאָלן דאָס קאָנען טאָן מיט וואָס ווייניקער איבעררייס, וואָס שטערט דעם אינטערעס און געניוס פון לייענען.

די פראגן צום סוף פון יעדער דערציילונג באצוועקן צו דינען אלס אנרעגונג פאר די לייענער צו פארטראכטן זיך וועגן דאָס געלייענטע.

טעותן און געוויסע פעלער האָבן זיך אודאי ארייננעכאפט אין דעם טעקסט ווי אין דער רעדאקציאָנעלער טייל. מיר וועלן דאריבער מיט דאנק אויפנעמען יעדע אנווייזונג אויף אזעלכע חסרונות מצד דער קריטיק און מצד די חברים לערער און זיי אויסבעסערן אין דער צווייטער אויפלאגע.

ש. ש.

---

## ביבליאָגראפיע

פון שטיינבערג׳ס אידישע כתבים איז דאָס די ערשטע זאמלונג, עס זיינען אָבער דערשינען אין אידיש די פאָלגענדיקע איבערזעצונגען פון העברייאיש:

1. חסידישע מעשות איבערזעצט פון ב. ק. מיט א פאָררעדע פון ש. זעצער. אין שימינס וועלט ביבליאָטעק.

2. אין יענע צייטן איבערזעצט פון ב. ק. — אין שימינס וועלט ביבליאָטעק.

3. אין יענע צייטן איבערזעצט און געקירצט פאר יוגנט פון ב. עפעלבוים, פארלאג קולטור ליגע.

4. מעשהלאך, קינדער מעשיות, איבערזעצט פון ב. עפלבוים, פארלאג בלומען 1921

5. ראָזשינקעס מיט מאנדלען, קינדער מעשיות איבערזעצט פון ש. שאפּירא. מיזעלס פארלאג, ניו יאָרק.

# אינהאַלט:


דערקלערונג פון שולן־קאָמיטעט — — — — — — — V
יהודה שטיינבערג, פון ש. שאַפּיראָ — — — — — — VII
דער גאָלדענער — — — — — — — — — — — 1
נאָך דער חתונה — — — — — — — — — — — 43
פון דאָס ניי געלעבט — — — — — — — — — 51
פּאַרשפּעקטיקט דעם קדיש — — — — — — — — 61
פון שבועות ביז תשעה באב — — — — — — — 69
דער חופּה ראָק — — — — — — — — — — — 83
חיים ראָזענבערג — — — — — — — — — — 95
אפרים מלמד — — — — — — — — — — — 103
ביים טייך — — — — — — — — — — — 127
אויפן גאָס — — — — — — — — — — — 128
צוויי חברים — — — — — — — — — — — 136
באמערקונגען וועגן דער רעדאַקציי — — — — — 144
ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — 145